№ 191 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

לאדזער טאגעבלאט

21-טער יאהרגאנג | 15 Sierpnia 1928 r. | מיטוואך, כ"ט מנחם אב תרפ"ח | רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פעטריקויער 8, [illegible]

ליטא ווארפט אפ דעם פוילישען פארשלאג

ווענען פיהרען די אונטערהאנדלונגען אין גענף

מארשאל פילסודסקי פאהרט דעם 20-טען קיין רומעניע

בערלין, (כב) עס ווערט אפיציעל מיטגעטיילט, אז די ליטווישע רעגירונג האט אבגעווארפען דעם פוילישען פארשלאג אנצוהויבען די פויליש-ליטווישע אונטערהאנדלונגען דעם 20. ד.ח. אין גענף.

אזוי ארום וועלען פאר דער זיצונג פון דער פעלקער-ליגע אין גענף נישט פארקומען קיין שום אונטערהאנדלונגען צווישען פוילען און ליטע.

אין קאוונא איז מען איבערראשט פון מארשאל פילסודסקי'ס רעדע

פונדעסטוועגען זאגען טייל צייטונגען, אז דער מארשאל האט געדראהט ליטע

בערלין. (סם.) „פאסישע צייטונג" מעלדעט פון קאוונא, אז די רעדע פון מארשאל פילסודסקי אין ווילנא האט ארויסגערופען א גרויסע פערוואונדערונג אין קאוונא. די קאוונער צייטונגען שרייבען אונטער, אז פילסודסקי'ס רעדע האט נישט געטראגען קיין פאליטישען כאראקטער.

און דער קאוונער עפענטליכער מיינונג קאן מען בעמערקען א געוויסע ערלייכטערונג צוליב דעם, וואס דער לעגיאנסטען-צוזאמענפאהר האט געטראגען א רוהיגען כאראקטער.

ווילנא. (סם.) די ליטווישע פרעסע און קאוונא אונפארמירט איהרע לעזער, אז דער מארשאל פילסודסקי איז און זיין רעדע אויף די לעגיאנסטען-פייערונגען אין ווילנא ארויסגעטרעטען מיט דראהונגען געגען ליטא. די צייטונגען שרייבען, אז ווען די לעגיאנסטען זענען ארויס פון זאל האבען זיי געשריגען: „מיר ווילען קאוונא!".

ווילנא. (א.וו.) ארויספאהרענדיג און דער בעגלייטונג פון א פוילישען אפיציר צו דער ליטווישער גרענעץ, האבען די 7 ליטווישע פרעסע-פארשטעהער, וואס האבען בייגעוואוינט דעם לעגיאנסטען-צוזאמענפאהר, אוהם נעבעטען, אז ער זאל איהר דאנקען דער פוילישער מאכט פאר דער גאסט-פריינדליכער אויפנאהמע און ווילנא.

ווילנא. (א.ח.) די ליטווישע קארעספאנדענטען זענען געווען אונטערראשט פון דער הארציגער שטימונג און הארמאניע, וואס האט געהערשט צווישען די פוילישע זשורנאליסטען און ווילנא און די ליטווישע קארעספאנדענטען.

מארשאל פילסודסקי פאהרט קיין רומעניע

ווארשא (טעלעפאניש) דעם 20 ד. ח. פאהרט מארשאל פילסודסקי ארויס אויף עטליכע וואכען קיין רומעניע, וואו ער וועט פערברענגען אינ'ם גוט מאילע הערקולאנע.

עקסצעסען אויף יודען אין ראדאם

ראדאם, 14 אויגוסט. (א.וו.) זונטאג זענען און ראדאם פארגעקומען עקסצעסען אויפ'ן גרונד פון א מחלוקה וואס איז אויסגעבראכען צווישען דער פוילישער און יודישער יוגענד.

א פוילישער יונגערמאן האט א פאטש געטון א שפאצירענדען יודישען בחור. דעם געשלאגענעם'ס חברים האבען פערהאלטען דעם שלעגער און געפאדערט, אז ער זאל אונטערבעטען דעם געלוימענעם. צוליב דעם, וואס דער פוילישער יונגערמאן האט די פאדערונג נישט געוואלט ערפילען, איז אויסגעבראכען א געשלעג, בעת וועלכען א יודישער יונגערמאן האט געשלאגען (?) א פאלאק, וועלכער האט זיך געוואלט אננעמען פאר זיין חבר.

די מחלוקה האט זיך פערשארפט.

און דער זעלבער צייט איז אויף דער גאס דרוטער מאי אויסגעבראכען א צווייט געשלעג צווישען קריסטען און יודען. דא האט אויך א יודישער בחור פערשעפעט (?) א פוילישען יונגען מאן. בעת'ן געשלעג איז געפאלען א שאס און דער 21-יעהריגער מאדעאוש בזשעסקי איז פערוואונדעט געווארען.

און דעם מאמענט האט די פאליציי אונטערוועגירט און ארעסטירט דעם שוסער.

דער נאמען פון דעם שוסער און דער רעזולטאט פון דער אויספארשונג ווערט געהאלטען בסוד, כדי נישט צו פערשארפען דעם ראסען-אנטאגאניזם.

גרויסע ארעסטען אין אוקראינע

מאסקווע, 14 אויגוסט. (א.וו.) אין אוקראינע זענען לעצטענס פארגעקומען זעהר גרויסע ארעסטען, צוליב א שפיאנאזש-אפערע. ביז איצט זענען שוין ארעסטירט געווארען 160 פערזאן, ס'רוב מיליטער-לייט. די גרעסטע צאהל ארעסטען זענען פארגעקומען אין קרעמענטשוג, אומאן, יעקאטערינאסלאוו און טשערקאסי.

גרויסע מאנעווערס פונ'ם ענגלישען לופט-פלאט איבער לאנדאן

לאנדאן (א.ח.) נעכטען אוונד האבען זיך איבער לאנדאן אנגעהויבען גרויסע מאנעווערס פונ'ם ענגלישען לופט-פלאט. אין די מאנעווערס האבען זיך בעטייליגט 15 עסקאדרען.

די איצטיגע מאנעווערס האבען, פונקט אזוי ווי די פריהערדיגע, בעוויזען, אז אין די איצטיגע בעדינגונגען קאן מען די שטאט נישט פערהיטען פאר גאז - פערגיפטונגען.

מארשאל פילסודסקי שוין צוריקגעקומען פון ווילנא

ווארשא-(טעלעפאניש) מארשאל פילסודסקי איז היינט אין דער פריה געקומען מיט'ן עקספרעס-צוג פון ווילנע. אויפ'ן וואקזאל אין ווילנע האבען זיך געזעגענט מיט'ן מארשאל פילסודסקי דער ווילנער וואיעוואדע, דער שטאט-פרעזידענט און א רייה הויכע פארשטעהער פון דער מיליטערישער און אדמיניסטראטיווער מאכט. אויפ'ן הויפט-וואקזאל אין ווארשא האבען אפגעווארט דעם מארשאל פילסודסקי רעגירונגס-פארשטעהער און העכערע מיליטערישע אפיצירען.

סעקרעטאריאט פון פעלקער-בונד בערוהיגט וואלדעמאראס'ן.

גענף, 14 אויגוסט (סם.) דער סעקרעטאריאט פון פעלקער-בונד האט מודיע געווען וואלדעמאראס'ן, אז צוליב די פארמעלע ערקלערונגען פון פוילען בנוגע די פוילישע מיליטערישע מאנעווערס אויף דער ליטווישער גרענעץ, איז דעריבער גרונדלאז אנצווענדען די בעשלוסען פון פעלקער-בונד, וועלכע זענען פארגעזעהן אין דער רעזאלוציע פון דעם 10 דעצעמבער 1927 און זענען נוגע די געפאהר פון גרענעץ-קאנפליקטען.

א באמבע הינטער סאטאוויץ

קאטאוויצע (א.ח.) אין א הויז אין רשדושענקאוו איז נעכטען געמאכט געווארען א באמבען-אטענטאט. די באמבע האט אויסגעריסען אויפ'ן הויף. אלע שייבען זענען אויסגעהאקט. קיין אומגליקס-פאלען מיט מענשען איז צום גליק נישט געווען.

געפונען דעם עראפלאן פון נונזשעסער און קאלי

לאנדאן (סם) נאהענט פון די אינזלען נײ-פינלאנד האט אן ענגלישער דאמפער געפונען רעשטלעך פון א צובראכענעם עראפלאן. מען רעכענט, אז די רעשטלעך שטאמען פונ'ם עראפלאן, מיט וועלכען עס זענען געפלויגען די צוויי אומגעקומענע פראנצויזישע פליהער נונזשעסער און קאלי.

מוראדיגע שרפה אין האמבורגער פארט

האמבורג. (א.ח.) שפעט ביינאכט איז אויסגעבראכען א שרפה אין די פארט-סקלאדען פון ווילהעלמסבורג. און די סקלאדען האבען זיך געפונען באלאנען מיט אמאניאק, אצעטילען און כלאר. די באלאנען האבען אויפגעריסען מיט א געוואלדיגען קלאפ. און די סקלאדען האט זיך אויך געפונען באנוועל פאר עטליכע מיליאן מארק. נישט-קוקענדיג אויף דער גרויסער רעטונגס-אקציע האט זיך דאס פייער פערפרייטערט און זיך אריבערגעכאפט אויף די און פארט-שטעהענדע שיפען, וועלכע זענען פערברענט געווארען אויף קיל. דער אויל האט זיך אויסגעגאסען אויפ'ן וואסער און ווייטער געברענט. פון האמבורגער פארט זענען ארויסגעשיקט געווארען צוויי פייערלעשער-שיפען.

די שרפה דויערט נאך.

Dr. med. H. Gutsztadt
אקושער-גינעקאלאג
Zachodnia 62 (Cegielniana 23)
Telefon 26-53
צוריקגעקעהרט
נעמט אן פון 9 ביז 10 פריה און פון 5 ביז 7 אוונד

Dr. med. Ludwik Rapeport
P. Narutowicza 25 (דזשילנא) Tel. 44-1
ספעציאליסט פאר נירען-, בלאז- און הארן-קראנקהייטען.
נעמט אן פון 12—1 פארם. און פון 4—6 אוו.

גענעבען בעלוינונג
כ'האב פערלוירען א וועקסעל 400 זל. אויסגעשטעלט פאר מאיר שטיין ארדערע ל. לוקסענבערג צאהלבאר ד. 30/4 1929 אין ווארשא שח. יערוסק 34. דער ערליכער געפינער ווערט געבעטען אבצוגעבען געגען בעלוינונג אין „Transport" פיעטר. 58 אדער ביי א. ח. מאריענשטראס פיעטריק. 82 אדער אין ווארשא נאלעווקי 10 לוקסענבערג. דער וועקסעל איז שוין ערקלערט געווארען פאר אונגילטיג.

העלא לעווינסאן
דר. יוסף פריבולסקי
פערהייראט
לאדז — לאדז, אויגוסט 1928 — קאברין

ליי-ביבליאטעק
א. נ. א. אייזענשלאס
פאלודניאווא 21, ליינקס אפיציגע 3 שטאק.
די ביבליאטעק איז טעטיג מאנטאג און מיטוואך פון 6—10 אוונד און שבת פון 1—10 מיטאג און פון 4—10 אוונד. איינשרייבען קען מען זיך יעדען טאג פון 6—10 אוונד.

Dr. med. A. Mazur
ספעציעל-ארצט פאר אויערן, נאז און האלז-קראנק. ווי אויך שטים און שפראך-פעהלער
האט זיך איבערגעצויגען אויף
ווסכאדניא 65
אריינגאנג אויך דורך פיעטריק. 46) טעל. 66-01
נעמט אן פון ½1—½12 און פון 3—5 נאכמ.

Dr. med. Z. Datyner
ספעציאליסט פאר נירען- בלאז און אורין-ארגאנען
Piramowicza 11 (פריהער גלאוונא)
Tel. 48-05.
נעמט אן פון 1 ביז 2 און 5—8 אוונד.

פארק העלענאוו — פארק העלענאוו
לטובת דער נאכט-פאגאטאוויע „לינת הצדק"
קומט פאר היינט, מיטוואך, 3 א זייגער נאכמיטאג
אגראנדיעזע גארטען-פערוויילונג
מיט פערשידענע איבערראשונגען. אויפטריט פון אוקראינישען כאר, טענץ פון בעוואוסטען טענצער ברוך לייבאוויטש. • פאנטאזיע לאטעריע מיט אויסערגעווענליכע געווינען ווי: לעמפער, ראדיא, פאטעפאן א. א. • צוויי ארקעסטערן, פייערווערק, קאנפעטי, סערפענטין
איינגאנג פאר ערוואקסענע 1.50, פאר יוגענד און שילער 50 גראשען.
פון 10 א זייגער אין אוונט וועט פארקומען אין זאל פון גארטען אן אויפטריט פון „ארט"-אנסאמבל עס וועט אויפגעפיהרט ווערען: די בעסטע נומערן. —נאך דער פארשטעלונג דאנסינג ביז פארטאגס. אנטריט 2 זל.
א כשר'ער בופעט אויפ'ן ארט. • א כשר'ער בופעט אויפ'ן ארט.
אין פאל פון א אונגינסטיג וועטער וועט דער טערמין פון דער פערוויילונג בעזונדערס בעקאנט געמאכט ווערען. — די בילעטען, וואס ווערען בא דער קאסע אויסגעטוישט מוזען תיכף בעצאהלט ווערען.

מוראַ'דיגע פערפלייצונג אין אינדיען

שטורם-ווינדען און שלאַגס-רעגענס אין צפון-אַמעריקא.—טייל ניו-יאָרקער גאַסען זענען פערגאָסען געוואָרען.—די טראַמוויי-בעוועגונג איז אָפּגעשטעלט געוואָרען

לאָנדאָן, 14 אויגוסט (סב) פון לאַהאָר, וואָס געפינט זיך אין די הימאַלאַי-בערג טייל מען מיט וועגען אַ מוראַ'דיגער פערפלייצונג, וועלכע איז דאָרט אויסגעבראָכען און בעדראָהט אַלע שטעדט און אַלע מענשליכע ישובים, וואָס געפינען זיך אין צענטער פון טייך אינדוס. אַ געוואַלדיג גרויסער אייז-באַרג פון טויזענד מעטער די הויך און 4 הונדערט מעטער די ברייט איז אַנגעבראָכען געוואָרען צוליב די וואַסערן, וועלכע האָבען זיך אַנגעזאַמעלט בײַם אייז.

אין משך פון איניגע מינוט איז איז די גאַנצע געגענד פערגאָסען געוואָרען פון מיליאָנען טאָן וואַסער. צווישען די בעפעלקערונג העררשט אַ שרעקליכע פּאַניק. מ'ריכט זיך אויף ווייטערדיגע פערפלייצונגען. די אינזשעניער, וואָס געפינען זיך נישט ווייט פון דער קאַטאַסטראָפע, האָבען פערלאָזט די וואוינונגען אין אַ געוואַלדיגער בהלה. אַלע קאָמוניקאַציע-מיטלען זענען איבערגעריסען געוואָרען, עס פעהלען גענויע פרטים וועגען דער פערפלייצונג.

ניו-יאָרק, 14 אויגוסט (סב.) די נאַטור-קאַטאַסטראָפעס, וואָס מאַכען חרוב זייט אַ געוויסער צייט די מזרח-ברעגעס פון צפון-אַמעריקא, פערמעהרען זיך פון טאָג צו טאָג. איבער'ן שטאַאַט ניו-יערסי האָט זיך איבערגעטראָגען אַ הוראַגאַן, וואָס האָט אַנגעמאַכט געוואַלדיגע היזקות. די שענסטע קור-ערטער, דערונטער אַטלאַנטיק סיטי זענען טיילווייז חרוב געוואָרען.

די אונגליקליכע פלאָרידע דראָהט אַ נייער ציקלאָן.

אַ שרעקליכער שלאַגס-רעגען האָט פערגאָסען אַ רייה גאַסען אין ניו-יאָרק, פילאַדעלפיאַ' באַלטימאָר און וואַשינגטאָן. די קעלערס זענען פערפלייצט געוואָרען. די טראַמוואַי-בעוועגונג איז געוואָרען אָפּגעשטעלט.

ניו-יאָרק (סב.) דער שרעקליכער שטורם-ווינד, וואָס האָט געטעררעט אין דער געגענד פון מאַרילאַנד, האָט גורם געווען שאָדענס אויף 4 מיליאָן דאָלאַר אין לאַהאַר, ניו-דזשערסי און ניו-יאָרק. מען טיילט אויך מיט וועגען 5 מענשליכע קרבנות.

ערנסטע לאַגע אין עבר הירדן.

לאָנדאָן (אטע) פון ירושלים מעלדעט מען, אַז אין עבר הירדן איז אויסגעבראָכען אַ רעגירונגס-קריזיס צוליב אַ מיינונגס-פערשידענהייט צווישען אַ מיניסטער און דעם עמיר. אין אַמאַן איז די סיטואַציע זעהר אָנגעשפּאַנט.

די עפענטליכע מיינונג איז געגען דעם ענגלישען טראַקטאַט מיט עבר הירדן און זי פאָדערט נייע וואַהלען.

מאַנדזשוריען אין די הענד פון יאַפּאַן.

פּאַריז (אטע) „טײַמס" מעלדעט פון פּעקינג, אַז דער אולטימאַטום פון דער יאַפּאַנישער רעגירונג צו דעם זוהן פון טשאַנג-טסאָ-לין האָט וואַרשײַנליך האָבען דעם נאָהענטסטען ערפאָלג. עס איז שוין מעהר ווי זיכער, אַז די מוקדענער רעגירונג וועט מבטל מאַכען איהר אָפּמאַך מיט דער נאַציאָנאַליסטישער רעגירונג.

רעוואָלווער-קאַמפּעו

צווישען היטלעראַווצעס און רעפּובליקאַנער

אויף אַנ'אַרבייטער-פײַערונג

האַנאָווער (סב.) בעת די אַרבייטער-פייערליכקייטען אין בנין פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראייניגען אין לערטע, האָבען זיך אַרייַנגעריסען אין לאָקאַל אַ מחנה היטלעראַווצעס, וועלכע האָבען, זייענדיג בעוואָפענט מיט געווער אַטאַקירט די אַנוועזענדע מיטגלידער פון רעפּובליקאַנישען פעראיין „רייכסבאַנער", וועלכע זענען געווען שוצלאָז. עס איז ענטשטאַנען אַ פאָרמעלע מלחמה צווישען די היטלעראַווצעס און די רעפּובליקאַנער.

דער קאַמף האָט געדויערט צוויי שעה. בשעת-מעשה איז דער פּראָפעסיאָנעלער רעסטאָראַן, וואו די מלחמה איז אָנגעגאַנגען, אינגאַנצען פערניכטעט. לסוף איז געלונגען צו בײַ זאַמיגען די נאַציאָנאַליסטישע שלעגער, צווישען וועלכע עס זענען געווען פיל-פערוואונדעטע. צוויי פון זיי האָבען בעקומען שווערע וואונדען אין קאָפּ פון רעוואָלווער-קוילען. פּאָליציי איז געקומען נאָך דער בלוטיגער געשעהעניש.

שטרעזעמאַנ'ס וויזיט אין פּאַריז

בערלין. (סב.) „בערלינער טאַגע-בלאַט" מעלדעט, אַז סוף היינטיגע וואָך וועט אַרויסגעשיקט ווערען קיין פּאַריז דייטשלאַנד'ס ענטפער אויף דער אײַנלאַדונג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, וועלכע פאָדערט דעם מיניסטער שטרעזעמאַן קיין פּאַריז, כדי אָנטיילצונעמען אין דער פייערליכקייט פון אונטערשרייבען דעם קעלאָג-פּאַקט. די דעציזיע וועגען שטרעזעמאַנ'ס אַרויספאָהרען קיין פּאַריז וועט פאַלען אין די נאָהענטסטע טעג. דער פערטרעטער פון מיניסטער, דער אונטערשטאַטס-סעקרעטאַר אין אויסערן-מיניסטעריום, פאָן שובערט, פאָהרט מאָרגען אַרויס אין קוראָרט אבערהאָף, וואו עס געפינט זיך מיניסטער שטרעזעמאַן. אינ'ם געשפּרעך, וואָס וועט פאָרקומען צווישען שטרעזעמאַנ'ען און דעם אונטער-שטאַטס-סעקרעטאַר, וועלען בעריהרט ווערען אַלע פראַגען, וואָס זענען פערבונדען מיט שטרעזעמאַנ'ס בעזוך אין פּאַריז און זיין אונטערשרייבען דעם קעלאָג-פּאַקט. בײַ דער געלעגענהייט וועלען אויך אַרומגערעדט ווערען די פראַגען, וואָס זענען נוגע דער סעסיע פון פעלקער-ליגע-ראַט.

מיניסטער שטרעזעמאַנ'ס געזונט-צושטאַנד איז אַ בעפרידיגענדער אַזוי, אַז מען קאָן ערוואַרטען, דאָס די דייטשע רעגירונג וועט מסכים זיין אויף זיין אַרויספאָהר קיין פּאַריז. לעת עתה איז דער טערמין פון שטרעזעמאַנ'ס רייזע נאָך נישט פעסטגעשטעלט. וואַהרשיינליך וועט דאָס געשעהען דעם 24. אָדער דעם 25. ד. ח.

גרויסע הכנות צום מזרח-יריד אין לעמבערג

געוואַלדיגע פּראַאינטערעסירונג מיט די 8-טע „טאַרגי וסכאָדניע" אין פּוילען און אין אויסלאַנד.

לעמבערג, 14. אויגוסט.

די הכנות צו די היי-יאָהריגע „טאַרגי וסכאָדניע" זענען אין פולען גאַנג. אויף דער השתדלות פון דער לעמבערגער האַנדעלס-קאַמער האָט זיך שוין געשאַפען אַ ברייטער בירגער-קאָמיטעט אונטער דער פאָהרונג פון ה' רוקער, וועלכער האָט דעם צוועק צו פּראַאינטערעסירען די ברייטע קרייזען פון דער בעפעלקערונג און אַלע עקען פון פּוילען מיט דעם 8-טען מזרח-יריד.

דער דאָזיגער קאָמיטעט האָט שוין צערייזט אַ רייע וויכטיגע האַנדעלס- און אינדוסטריע-צענטערן. צווישען אַנדערע זענען אָפּגעהאַלטען געוואָרען קאָנפערענצען מיט אָנגעזעהענסטע פאַרשטעהער פון האַנדעל און אינדוסטריע אין לאָדז, קאַטאָוויץ, ביעלסק, קראָקאָ, ווי אויך אין די דרום מזרח-וואָיעוואודשאַפטען לוצק, סטאַניסלאַוו און טאַרנאָפּאָל.

אין אַלע פון די דערמאָנטע שטעט זענען געבילדעט געוואָרען בירגער-קאָמיטעטען, וועלכע דאַרפען אָרגאַניזירען בעת דעם מזרח-יריד אויספלוגען פון סוחרים, גרונד-בעזיצער און פּויערים קיין לעמבערג.

* * *

ווי מען גיט איבער, אָרגאַניזירט דאָס איטאַליענישע רייזע-ביוראָ אַ גרויסען אויספלוג פון איטאַליען קיין פּוילען, וועלכע וועט אויך קומען אויפ'ן מזרח-יריד קיין לעמבערג, כדי דאָ זיך צו בעקענען מיט די געזעלשאַפטליכע און עקאָנאָמישע פערהעלטנישען פון לאַנד.

* * *

די ערעפנונג פון דעם 8. מזרח-יריד וועט הײַ-יאָהר פאָרקומען דעם 2. סעפּטעמבער. די „טאַרגי וסכאָדניע" וועלען דויערען פון 2. ביז'ן 12. סעפּטעמבער.

די פּראַאינטערעסירונג מיט'ן היי-יאָהריגען מזרח-יריד איז סײַ אין פּוילען און סײַ אין אויסלאַנד זעהר אַ גרויסע. אויף יעדען פאַל איז דער אינטערעס מיט די „טאַרגי וסכאָדניע" אַ פיל גרעסערער, ווי ביז איצט.

פון אַ זיכערער קוועלע דערוויסען מיר זיך, אַז דעם מזרח-יריד וועט ערעפענען דער האַנדעלס-מיניסטער קוויאַטקאָווסקי.

* * *

דער פּוילישער קאָנסול אין גאַלאַץ האָט מודיע געווען דעם פּראָוויזאָריום פון מזרח-יריד, אַז דער רומענישער אוניווערזיטעט אין יאַסי שיקט ספּעציעל אַרויס אויף די איצטיגע „טאַרגי וסכאָדניע" אונטער דער פאָהרונג פון פּראָפעסאָר פון אַגראָנאָמיע, ה' וואַסיליו, 30 סטודענטען פון אַגראַר-פּאַקולטעט, כדי צו בעזוכען די אַגראַר-אָפּטיילונגען אויפ'ן מזרח-יריד. דאָס פּראָגראַם פון דער דאָזיגער וויסענשאַפטליכער עקספּעדיציע זעהט אויך פאָר אַן אויספלוג פון עטליכע לאַנדווירטשאַפטליכע אינסטיטוציעס אין פּוילען.

* * *

אויפ'ן סמך פון בעשלוס פון דער דירעקציע פון „עראָלאָיר" וועלען די אָנטיילנעמער אינ'ם מזרח-יריד בעקומען הנחות אויף אַלע לופט-ליניעס, אָנגעהויבען פון 31. אויגוסט ביז צום 15. סעפּטעמבער. אויסערדעם וועט די „עראָלאָיר"-אָפּטיילונג אין ווין געבען אַ 25-פּראָצענטיגע הנחה פאַר די עסטרײַכישע אויסשטעלער אויף די „טאַרגי וסכאָדניע".

* * *

ווי מען גיט איבער, זענען שוין כמעט אַלע פּאַוויליאָנען אויפ'ן מזרח-יריד פערדונגען. צווישען די אויסשטעלער געפינען זיך לרוב יודישע סוחרים פון אַלע עקען פון פּוילען.

אַ רייך יודיש מיידעל קלאָגט אַז איהר קריסטליכען פערפיהרער אין געריכט

ווילנא. — אין ראַיאָן פון שווענטשאַנס ווערט איצט דערצעהלט וועגען דער טראַגעדיע פון אַ דאָרטיגער יודישער פרייליין ק., וועלכע איז פערפיהרט און אָפּגענאַרט געוואָרען דורך אַ קריסט.

די געשיכטע איז אַזאַ:

די 18-יעהריגע ניוטע, אַ טאָכטער פון דער דאָרטיגער רייכער יודישער משפּחה ק. האָט מיט עטליכע חדשים צוריק געשלאָסען בעקאַנטשאַפט מיט אַנ'עלעגאַנטען קריסטליכען יונגענמאַן הענריק, וועלכער האָט אויף דער 18-יעהריגער יודישער פרייליין געמאַכט אַ גוטען איינדרוק.

הענריק האָט פערבעטען די פרייליין קומען צו איהם צו גאַסט. די לעצטע האָט די איינלאַדונג אָנגענומען, און אַזוי אַרום האָט זיך פערקניפּט אַ ליבעס-ראָמאַן צווישען דער יודישער 18-יעהריגער פרייליין מיט'ן קריסט הענריק.

הענריק איז דערווייל געוואָרען אַזוי פערליבט אין דער פרייליין, אַז זי איז אַ פערמעגליכע און אַז די עלטערן וואָלטען איהר געגעבען אַ שעהנעם נדן, ווען זי וואָלט דאַרפען חתונה האָבען.

הענריק האָט דאַן גענומען ערקלערען דעם מיידעל, אַז ער האָט זי שטאַרק ליב, קאָן אָהן איהר נישט לעבען און צוגערעדט זי זאָל אַרויסטרינקען בײַם פאָטער אַ גרעסערע סומע געלד און אַנטלויפען צו איהם און זיי וועלען זיין גליקליכע.

דאָס מיידעל האָט זיך געלאָזט איבערעדען און אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען האָט זי טאַקע אַרויסגעשפּרינגען עטליכע טויזענד גילדען און איז אַנטלאָפען צו איהר געליבטען.

פון דעמאָלט אָן איז דאָס פערליבטע פּאָרל פערשוואונדען געוואָרען אויף אַ געוויסער צייט פון ווילנא.

אין דער פרייליין'ס משפּחה האָט דער דאָזיגער פאַל געמאַכט אַ ערשיטערנדען איינדרוק. מען האָט אַרויסגערופען טעלעגראַפיש דעם פאָטער, וועלכער געפינט זיך תמיד אין אויסלאַנד, ער זאָל קומען ראַטעווען זיין טאָכטער פון שמד.

דער פאָטער איז תיכף געקומען קיין ווילנא. אַלע בעמיהונגען צו געפינען די פערשוואונדענע טאָכטער האָבען זיך אָבער פון אָנהויב אויסגעלאָזט מיט גאָר נישט.

אין אַ געוויסען אָוונד, ווען די פערצווייפעלטע משפּחה איז געזעסען טרויעריג און עס-צימער האָט זיך פּלוצלינג אויפגעפּראַלט די טיר און אין צימער איז אַרייַנגעקומען די פערשוואונדענע טאָכטער ניוטע, אָבער שוין נישט די אַמאָליגע לוסטיגע ניוטע — נאָר אַ פערמאַטערטע, אַ צובראָכענע.

די נעקומענע האָט דאַן מיט אַ ספּאַזמאַטישען געוויין דערצעהלט די פערצווייפעלטע, אַז זי איז פערפיהרט געוואָרען דורך דעם לומפּ פון קריסט, וועלכער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען פאַר אַנ'אָפּגעריסענעם, וואָס איז מעהר גוט אויסגעגאַנגען ווי געלד. די פּלוצלינגע ליבע און זיינע נעווע אַ סומע, און ווי נאָר ער האָט בעקומען דאָס געלד האָט זיך זיין בעציהונג צו איהר ראַדיקאַל געענדערט און ערשט דאַן האָט זי בעמערקט דעם ריינעם אמת. די ליבע, וואָס האָט פערבלענדעט איהרע אויגען איז צערונען געוואָרען ווי אַ חלום. זי איז פון איהם אַנטלאָפען און בעט, אַ צובראָכענע, מחילה בײַ איהרע עלטערן.

מילא די עלטערן האָבען מוחל געווען זייער פערפיהרטער טאָכטער, דערפרייענדיג זיך לאַנגע, וואָס זי איז צוריקגעקומען צו זיי נישט גע'שמד'ט.

די נעליימטע קלאָגט איצט אָן איהר פערפיהרער און גערינגט פאַר שאַנמאַנסטווא.

ענגליש-פראַנצויזישער ענטוואָפנונגס-אָפּמאַך

ווערט מאָרגען פערעפענטליכט

לאָנדאָן. (סב.) דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון „דיילי עקספּרעס" דערוויסט זיך, אַז דער טעקסט פון דער ענגליש-פראַנצויזישער פערשטענדיגונג וועגען בעגרענעצען די בעוואָפנונגען אויפ'ן ים, וואָס פערעפענטליכט ווערען דאָנערשטאָג. און די פּאָליטישע קרייזען ערוואַרט מען די דאָזיגע פּובליקאַציע מיט שפּאַנונג.

אַ רב אַ פּאָליציי-אַגענט

וועלכער אַרבייט געגען יודען

מעלבורן. (סב.) די יודיש-רוסישע קליינע קהלה אין שטאָט, אויך אַלע יודען פון דער ענגלישער קהלה דאָ זענען ערשטוינט פון די בעריכטען אין די היגע צייטונגען, אַז דער רב ל. גאַראַן איז אויסער זיין אַמט אַלס רב אויך אַנ'אָנגעשטעלטער בײַ דער געהיים-פּאָליציי, און איהם קומט אויס, ווי עס פערשטעהט זיך, צו טון אָפטמאָל זעהר מיאוס'ע אַרבייט, וואָס פּאַסט גיט פאַר קיין רב.

די היגע צייטונגען זענען אַרויס אָפען מיט דער ערקלערונג, אַז ראַבינער ל. גאַראַן איז אַ מיטגליד פון דער געהיים-פּאָליציי און ער פּלעגט אויפגעפאָדערט ווערען פון די פּאָליציי-בעאַמטע, אַז ער זאָל מאַכען די אויספאָרשונגען און די חקירה ודרישה בײַ די יענוגע, וועלכע זענען בעשולדיגט אין געוויסע פערברעכענס און וועלכע דאַרפען אַרעסטירט ווערען.

די קאַרלטאָן יודישע קהלה אין מעלבורן איז נישט קיין גרויסע, נאָר אַ גאַנץ יודישע. צו איהר געהערען אַלע רוסישע יודען, וועלכע האָבען אַריינגעוואַנדערט אין אויסטראַליען, און דער סוד וועגען זייער רב האָט אַרויסגערופען בײַ זיי אַן אומגעהויער גרויסען פערדרוס און צער.

אַ טאָג פאַר דער חופּה

דערטרונקען געוואָרען אַ 20-יעהריגער יוד. בחור

די כעלמער יודישע בעפעלקערונג איז געוואַלדיג געריהרט פונ'ם טראַגישען טויט פון 20-יעהריגען אשר מענדעלסאָהן, אַ זוהן פון אַ לעדער-סוחר אויף לובלינער גאַס.

מענדעלסאָהן איז געווען אַ חתן מיט אַ פרייליין פון אַ שכנות'דיג שטעטעל און דינסטיגע וואָך האָט שוין געזאָלט זיין זייער חתונה. שבת, זייענדיג אין שוויערוש בײַ זיין כלה האָט מענדעלסאָהן זיך פערגלוסט צו געהן באָדען אין בוג. ער איז דעריבער אוועק צום וואַסער צוזאַמען מיט אַ קליין בחור'ל ווי נאָר ער איז אַריינגעשפּרונגען אין טייך האָט ער, ווייזט אויס, אַנגעטראָפען אויף אַ טיף אָרט און אָנגעהויבען טרינקען. זיינע פערצווייפעלטע געשרייען נאָך הילף האָבען ווינציג איהם געהאָלפען און ער איז אַראָפּ צום אָפּגרונד.

דאָס קליינע יונגעל, וואָס האָט איהם בעגלייט האָט געמאַכט אַנ'אַלאַרם, עס איז זיך צונויפגעלאָפען אַ גרויסער עולם קיינער אָבער האָט זיך נישט געגלוסט אַריינצולויפען אין וואַסער ראַטעווען אַ טרינקענדען מענש, נאָר אַלע זענען געשטאַנען און ... געקרעכצט, זעהענדיג ווי אַ יונגער מענש פּאַטערט זיך מיט'ן טויט.

ערשט אויסצומאָרגענס האָט מען דעם טויטען קערפּער אַרויסגענומען פון וואַסער מיט דער הילף פון אַ גרויסען פישער-נעץ.

אויסלענדער צאָהלען נישט פאַר איין- און אויסמעלדען.

(§) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט געהט דעם 19. סעפּטעמבער אַרײַן אין קראַפט די פעראָרדנונג וועגען דער קאָנטראָלע פון דער בעוועגונג פון דער בעפעלקערונג און פון דעם טאָג אָן וועט מען נאָרנישט דאַרפען אָפּצאָהלען פאַר איינמעלדען און אויסמעלדען.

עהערנעכטען האָט די וואָיעוואודשאַפט בעקומען אַ פעראָרדנונג תיכף אויף צוהערען נעמען דעם אָפּצאָהל בײַם איינמעלדען אויסלענדער, צוליב דעם, וואָס אויך פון פּוילישע עמיגראַנטען ווערט אַזאַ אָפּצאָהל אין אויסלאַנד נישט געפאָדערט.

אין אַ חודש אַרום וועלען שוין פּוילישע בירגער אויך נישט צאָהלען מעהר פאַר איין און אויסמעלדען זיך.

פאַרוואָס נאָר צוויי פענסטערלעך?

(פּ) אויף דער הויפּט-פּאָסט נעמט מען אָן געלד אויף פּשעקאָווען נאָר בײַ צוויי פענסטערלעך. אָפטמאָל זעהט מען שטעהען לאַנגע רייהען פון מענשען. וואָס פּטר'ן זייער טייערע צייט אומזיסט. צי וואָלט נישט גלייך געווען צו עפענען אַ דריט פענסטערל, אַז די פּאַטענטען זאָלען בחנם נישט דאַרפען פערלירען קיין צייט?

פאַרלאַג מעטראָ מוזיק קאָ. ניו-יאָרק

נאָר וואָס דערשינען

מיכל געלבאַרט

צען לידער

נאָטען מיט ווערטער

כ ל ר

מיין ניגון — י. ל. פּרץ
איך ליב די אַרבעט — א. פּאַטנער
ווער האָט עס — איציק פעפער

ס ו ל ו

מיין יונגעלע — מאַני לייב
זי — א. רייזען
די נאַכט — א. ראַסקין
דער שניידער — ש. אַנ-סקי
פּאַר אַ רעגן — א. לוצקי
זיבען ערדלעך — א. ניסנזאָן
מאַמעניו מעגע — יהואש

פּרייז 8.50 גילדען

ביבליאָטעקען—ראַבאַט

לידער מיט נאָטען

מוזיק—מ. געלבאַרט

1. שטייגערנקע מעלאָדיען — י. ל. פּרץ
2. אין קבר
3. שנעעלע — מאַני לייב
4. צום פּראָגרעס — ח. נ. ביאַליק
5. אַליין — ה. ראָזענבלאַט
6. אַ ליד דער אַרבעט — ק. חמזלער
7. אין אַ אָרים שטיבעלע — ב. קאָרמאַן

פּרייז פון יעדען נומער 1.80 גילדען

8. בין איך מיר אַ שניידערל (פאָלקס-ליד)
9. מיר שמידן — ש. העלמאַן

פּרייז פון יעדען נומער 1.20 גילדען

ביבליאָטעקען—ראַבאַט

פּ א ר ק ו י ף:

אין מוזיקהאַנדלונגען: נ. בערלינסקי, לאָדזש, אַלעטנאַ 12, רעקטאָ אָפּיצ. 2. שפּ. און בײַ ח. זאַנענבערג, זגערזשער 19.

לאדזשער טאגעבלאט

דער רעדאקטאר נעמט-אן פון 6 ביז 7 אין אווענד.
נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

אדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 18
טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57. אדמיניסטראציע 47.

די קהלה-וואהלען אויף די קרעסען.

אין א גאנצער רייה שטעט און שטעטלעך אויף די קרעסען זענען שוין פארגעקומען און אין מאנכע דארפען נאך איצט פארקומען די וואהלען צו די קהלות. ס'איז קלאר, אז פון דעם אויסגאנג פון די וואהלען איז אין א גרויסער מאס אפהענגיג דאס אינערליכע צוזאמענלעבען פון די יודישע מאסען, וועלכע געפינען זיך דארט אין ספעציפישע בעדינגונגען אין פערגלייך צו די בעדינגונגען פון די יודען אין קאנגרעס-פוילען.

עס מוז קודם-כל אונטערגעשטראכען ווערען, אז דער עקאנאמישער חורבן פון די קרעסען-יודען לאזט זיך נאך ביז היינטיגען טאג נישט אזוי לייכט אפווישען.

דער וועלט-קריג, וועלכער האט דעם גרעסטען זיינער איבערגעלעגט דוקא אויף די ראנד-געביטען און האט אומגעבראכט גאנצע ישובים און קבוצים, האט נאך היינט זיינע טיפע וואונדען אין לעבען פון דארטיגען יודענטום, וועלכע בילדעט גאנצע זיבעציג פראצענט פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג.

און דעריבער איז קלאר, אז די ענטשטעהונג פון א געזעצליכע קהלה אויף די קרעסען האט געדארפט ווערען א שטראהל פון ליכט און האפנונג. ווייל די יודישע קהלה וואלט געדארפט ווערען דער צענטראלער נערוו, וועלכער זאל פעראייניגען אלע צושפליטערטע טיילען פון דארטיגען יודענטום.

די נייע אויסגעוועהלטע קהלות ווייזען אבער ארויס דעם היפוך און רויבען אוועק די האפנונג, אז זיי זאלען כאטש אין דער נאהנטסטער צוקונפט קענען שטעהן אויף דער געהעריגער הויך און בילדען דעם געזונדען קערענדל, וועלכער איז אזוי נויטיג פאר דעם גרויסען חרוב געווארענעם געביט.

נעמען מיר אלס אילוסטראציע אזעלכע שטעט ווי בריסק, פינסק, א. א., וועלכע זענען אינערליך צושפאלטען און פערגיפטעט פון פארטיי-קאמפען און קהלה-ארומרייסענישען, וועלכע פרעסען ביסלעכווייז אויף דעם יודישען ארגאניזם. מיר זעהען ווי דארט פעלט לגמרי די פערברידערונגס-שפראך צווישען די יודישע פארטייען. מיר זעהען בולט, ווי די קאנטראסטען הויבען ערשט אן צו שלאגען טיפערע ווארצלען, ווי דער גאנצער אגיטאציאנס-אפאראט איז פערוואנדעלט אין א העסליכען מיטעל זיך בעשמוצען נור איינס דעם אנדערען. דאס האט מען אויך געקענט מערקען אויף די קרייז-קאנפערענצען, וועלכע זענען לעצטענס פארגעקומען אין פינסק און אין בריסק, ווי היינט נידריג ס'איז געפאלען דער פרעסטיזש פון ביידע הויפט-לאגערן אויף די קרעסען: פון די ציונים און דער א. ג. „אחדות".

ביי דעם גאנצען ווילען פון די אנפיהרענדע פערזענליכקייטען צו האלטען מעהר-ווייניג אויף א געהעריגער הויך די אגיטאציאנס-רעדעס, זענען פארגעקומען שטארקע רייבונגען, און נאטירליך האט יעדער צד געוואלט און געשטרעבט מעטאדיש דעם אנדערען צד צו פערניכטען.

און ווען מיר נעמען נאך אין בעטראכט די גאנצע רייה פון „ווילדע" ליסטעס, פון וועלכע יעדערע וויל פערכאפען א פלאץ אין דער קהלה, ארויסגעהענדיג פון ענג-פערזענליכע, אדער קליין-קעפעלדיגע שטאנד-פונקטען, איז פשוט פערדריסליך צו צוזעהן, אויף וועלכע פאלשע וועגען דאס גאנצע קרעסער יודענטום האט זיך אהינגעלאזט.

דאס זענען די ערשטע בלימעלעך, וועלכע פערשפרעכען אזוי אויסצוואקסען און פערוואנדלען צו ווערען אין גאנץ ביטערע יאגדעלעך...

עס דארף קאנסטאטירט ווערען דער פאקט, אז דער ערשטער פונדאמענט איז שוין אוועקגעלעגט געווארען אויף א שלעכטען באדען. און דעריבער איז נישט פאראויסצוזעהן, אז די פרוכטען זאלען זיין גוטע.

אין דער צייט, ווען עס האט געדארפט הערשען א פעראייניגונגס-שטימונג און די גאנצע קהלה האט געקענט האבען נור צוויי פראנטען, א רעכטען מיט א לינקען, וועלען מיר איצט האבען א צושפליטערטע קהלה, וועלכע וועט אויף קיין אופן נישט קענען קאנצענטרירען א בעשטימטע מעהרהייט און דער פועל יוצא פון דעם אלעמען וועט זיין א נערוועניש אויף מחלוקות, סכסוכים, אינטריגעס און אפשר נאך עפעס מעהר...

לאמיר דאך האפען, אז דער פערנונפט וועט דאך מנצח זיין. און אין די גרעסערע שטעט אויף די קרעסען, וואו די קהלות זענען נאך נישט געוועהלט וועט דאך די מאסגעבענדע קרייזען און טאן-געבער געלונגען זיי דערפיהרען צו א געוויסען קאמפראמיס-אויסגאנג, וועלכער זאל נישט אונטערגראבען דעם עקזיסטענץ פון די יודישע קהלות.

מ. גינזבורג.

וואס די ליטווישע זשורנאליסטען האבען דערצעהלט אין ווילנא

וואס טראכט מען אין קאוונא וועגען פוילען?

די ליטווישע זשורנאליסטען, וואס זיינען געקומען אויפ'ן לעגיאניסטען-צוזאמענפאהר קיין ווילנא אלס פארשטעהער פון די ליטווישע צייטונגען, זיינען געקומען מיט א ליטווישען אויטא, אין וועלכען זיי זיינען ארויסגעפאהרען פון קאוונא דירעקט קיין ווילנע. קיינע שום שטערונגען זיינען נישט געמאכט געווארען פון דער פוילישער מאכט. פארקעהרט, די פוילישע מאכט האט זיי אויפגענומען מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט און אלע אנגעקומענע זשורנאליסטען קענען זיך ממש נישט אנלויבען פאר דער טראקטירונג אויף דער גרעניץ און אויך דא אין ווילנע.

גלייך נאכ'ן אנקומען קיין ווילנע זיינען די ליטווישע זשורנאליסטען אויפגענומען געווארען אויף א גלעזעל-טיי אין „פאט" און דאן איז פאר זיי געגעבען געווארען אן אווענט-ברויט אין „זשארזש" דורכ'ן היגען פוילישען זשורנאליסטען-סינדיקאט. זיי האבען בעקומען איינטריטס-קארטען אויף אלע פייערליכקייטען און פאראנשטאלטונגען, וואס זיינען פארבונדען מיט'ן לעגיאניסטען-צוזאמענפאהר. זיי זיינען אויך איינגעלאדען געווארען אויפ'ן ראאוט.

אין משך פונ'ם שבת'דיגען טאג האבען די ליטווישע זשורנאליסטען זיך בעקענט מיט דער שטאט און אויך געמאכט בעזוכען אין די ערטיגע רעדאקציעס.

אויף דער פראגע, צי האט מען טאקע אין קאוונא ערנסט געגלויבט אין די אלע סענסאציעס און פליאקעס, וועלכע ס'האבען זיך פערשפרייט אין שייכות מיט'ן לעגיאניסטען-צוזאמענפאהר אין ווילנע, — ערקלערען די געסט:

— יא, אמת, לכתחילה האבען די דאזיגע קלאנגען טאקע געמאכט אין קאוונא זעהר א שווערען רושם. עס האט זיך אפילו אפגערופען אויף די פקדונות אין די בענק. ס'איז אבער גלייך געווארען קלאר, אז די פאניק איז אן'אומבעגרינדעטע מחמת עס לאזט זיך גאר נישט אויס'ן שכל, אז פוילען זאל וועלען ארויסטרעטען לגבי ליטע, וועלכע נישט אין אגרעסיווע פלענער פאר דער קאנפערענץ אין גענף.

מיר גייען אריבער אויף א קיצלדיגער טעמע: די פראגע וועגען איצטיגען רעזשים אין ליטע.

— יא, אין ליטע הערשט איצט א פעסטע האנד, אבער נישט אלע זיינען אומצופרידען. דער דורכשניט-בירגער און דער פויער ווילען רוה און זיי ריהרט דער מלחמה-צושטאנד ווייניג וואס אן. מען האט זיך שוין צוגעוואוינט האלב 1 א זייגער ביינאכט צו זיצען אין דער היים. דאס איז אלץ, וואס עס שפירט אויף זיך.

די רעפרעסיעס שפירען די, וואס שטעהען אין וועג דער דיקטאטארישער רעגירונג, דא איז זי שטרענג, ווירקליך זעהר שטרענג. בעזונדערס האט עס צו פיהלען די פרעסע. דא איז פארהאן פאר-צענזור און נאכצענזור און שטראפען און קאנפיסקאציעס אהן א שיעור.

אויך איצט איז די צענזור אומגעווענליך שטרענג. און ליטא עקזיסטירט, ווי שוין געזאגט, א פאר-צענזור, און אויב אנ'ארטיקעל אדער א נאטיץ (די צענזור איז אויפ'ן גאנצען מאטעריאל: פון לייט-ארטיקעל ביז'ן לעצטען אנאנס) ווערט גע'פסל'ט, מוז מען אויף דעם ארט אריינשטעלען אנ'אנדער מאטעריאל, אזוי אז עס זאל ניט זיין קענטיג די ארבייט פון דער צענזור. די „יודישע שטימע" איז אמאל בעשטראפט געווארען מיט א גרויסער סומע פאר געבען אזא ידיעה:

„דער אינערן-מיניסטער זאל אוועקגעהן?" דער פראגע-צייכען האט אויך ניט געהאלפען. דער אינערן-מיניסטער מוסטייקיס האט ניט אנדערש געוואלט דוקא סאטיספאקציע, און וואלדעמאראס האט איהם געמוזט נאכגעבען. דער רעדאקטאר פון דעם קריסטליך-נאציאנאלען פארטיי-ארגאן „רוטאס" איז איצט פערשיקט געווארען אויף 2 וואכען קאנצענטראציע-לאגער פאר אזא זאך.

די אפאזיציע איז איצט אפגעשוואכט. די שטארקסטע אפאזיציאנעלע פארטייען זענען די קריסטליכע דעמאקראטען און קעגען זיי איז איצט געווענדעט די הויפט-אקציע פון דער רעגירונג, וועלכע שטעלט זיך ניט אפ פאר רעפרעסיעס.

די איצטיגע מאכט שטיצט זיך אויף דער ארמעע, ריכטיגער געזאגט, א גרופע אפיצירען. אין דעם זינען איז אין ליטא א מיליטערישע דיקטאטור. חוץ דעם שטיצט זי זיך אויפ'ן פויערטום, וועלכען מען געווינט דורך אנ'ענטשפרעכענדיגע שטייער-פאליטיק אויפ'ן חשבון פון דער שטאט.

— ווי איז בכלל דער עקאנאמישער צושטאנד פון ליטא? רעכענט מען זיך מיט דער מעגליכקייט פון א זעלבסט-שטענדיגער עקאנאמישער עקזיסטענץ פון ליטא?

— די ערפאהרונג פון די 10 יאהר ליטווישע עקזיסטענץ, האט געוויזען, אז אזוינס איז מעגליך. דער פאסיוו פון האנדעל-בילאנס האט אנגענומען לעצטענס א דראהענדיגע פארם, אבער מען האט אנגענומען פערהיטונגס-מיטלען. פאר דער ערשטער העלפט פון יאהר 1928 האט דער פאסיוו פון האנדעלס-בילאנס בעטראפען 25 מיליאן ליט, ד.ה. אזוי פיל וויפיל פאר דעם גאנצען יאהר 1925. די ליטווישע עמיסיע-באנק האלט פעסט דעם ליט, ארויסלאזענדיג אויפ'ן מארק אויסלענדישע וואלוטע און צוריקציהענדיג א טייל פון געלד-אומלויף. נאך אלעמען אבער מוז מען אנערקענען, אז דעם פאסיוו דארף מען פערשרייבען אויפ'ן חשבון פון פערגרעסערטען עקספארט, אבער ניט פון פערקלענערטען אימפארט.

— וואס איז עפעס מכח יודישער פאליטיק? האט אויך געפרעגט דעם יודישען זשורנאליסט זשאפר, וועלכער איז מיטגעקומען מיט די ליטווישע זשורנאליסטען.

קיין יודישע פאליטיק איז נישטא, קיין קהילות נישטא. אנשטאט זיי חברות, וואס זענען אין געוויסע שטעט, ווי א שטייגער אין קאוונע, צענטראליזירט. די יודישע שולען ווערען נאר טיילווייז אויסגעהאלטען דורך דער מלוכה. עפענטליכע רעכט האט בלויז די יודישע גימנאזיע אין ווילקאמיר. דאך קען מען ניט זאגען, אז די רעגירונג פיהרט אנ'אנטיסעמיטישע פאליטיק. אלץ קען מען זאגען אויף וואלדעמאראס'ן, אבער ניט, אז ער איז אנ'אנטיסעמיט. ער גיט, למשל, אפט איבער זיינע אינפארמאציעס אויסשליסליך דורך דעם מיטארבייטער פון דער „יודישער שטימע". א סך יודען מאכען א שפאן לעבען ארום דעם פרעזידענט סמעטאנא. ער געדענקט נאך די צייטען, ווען ער האט געהונגערט, און יודען האבען איהם ארויסגעהאלפען.

און לעצטען סך-הכל איז דער וואונש פון דער יודישער בעפעלקערונג אין ליטא אנצוקנופען פערבינדונגען מיט זייערע ברודער פון יענער זייט גרעניץ. אויף וועלכען וועג דאס זאל געשעהן — דאס איז א פראגע פאר פאליטיקער.

ווייטער דערצעהלען די זשורנאליסטען, אז קאוונא האט זיך פאר דער לעצטער צייט זעהר פונאנדערגעוואקסען און שטארק פראגרעסירט אין אלע הינזיכטען. אמת טאקע, אז אין שטח איז נאך קאוונא ער הים קלענער פאר ווילנא. קאוונא איז אבער א רעזידענץ-שטאט און דארט פולסירט דאס לעבען, ווי אין די גרויסע שטעט.

אינטערעסאנט איז, וואס עס דערצעהלט דער רעדאקטאר פון „ליטעוואס אידאס" — דעם אפיציעלען ארגאן פון דער איצטיגער רעגירונג — ה' מאציעי באגדאנאס.

און דער לעצטער צייט — זאגט ה' באגדאנאס — האט מען ביי אונז גערעדט גאר וועגען דער קאנצענטראציע פונ'ם פוילישען מיליטער, ווי אויך פונ'ם ליטווישען, אויף ביידע זייטען גרעניץ. און אטמאספערע איז וועגען דעם געווען זעהר פיל געשריבען דוקא אויף די שפאלטען פון דער אויסלענדישער פרעסע. אונזער זשורנאליסטישער פליכט איז געווען צו בערוהיגען די עפענטליכע מיינונג און פעסטשטעלען דעם אמת. צו דעם צוועק זענען מיר טאקע געקומען אהער, זיך צו בעקענען מיט'ן גאנצען ענין אויפ'ן ארט. די פוילישע מאכט האט אונז אויפגענומען אזוי פריינדליך, אז מיר זענען ממש איבערראשט.

— וואס אינטערעסירט אונז אם מייסטען דא, אין ווילנא? ראשית, ווילען מיר זיך בעקענען מיט דער שטאט גופא. מען רעדט ביי אונז אזוי פיל וועגען ווילנא, און מיר קענען גאר ניט די שטאט. מיר ווילען זיך ביי דער געלעגענהייט אויך איבערצייגען, וויפיל ס'איז פארהאן אמת אין די אלע פערשידענארטיגע קלאנגען, און ענדליך, אויב ס'וועט מעגליך זיין, ווילען מיר זיך זעהן מיט'ן מארשאל פילסודסקי אליין.

די שטימונג אין קאוונא? — נו, מען האט זיך נאטירליך צוערשט אביסעל אויפגערעגט. אבער קיינער טראכט ביי אונז גארניט וועגען אנ'ערנסטע מלחמה-געפאהר.

ניט לאנג איז געווען געדרוקט אין „ליעטובאס אוודאס" אנ'ארטיקעל וועגען דער מעגליכקייט פון א פויליש-ליטווישער מיטארבייטערשאפט און אפילו וועגען א געמיינזאמען פויליש-ליטווישען פראנט. דאס איז זעהר א וויכטיגע פאליטישע פראבלעם, וועלכע האט א גרויסע בעדייטונג פאר דער ווייטערדיגער געשטאלטונג פון דער גאנצער פאליטישער קאנסטעלאציע אין מזרח-אייראפא. אזא מיטארבייט קאן אבער מעגליך זיין ערשט נאכ'ן לעזען די ווילנע-פראגע.

שטרענג כשר **GDANSK** שטרענג כשר
יודישער קאפע-רעסטאראן
L. Kempner Danzig
Brotbänkengasse 14, tel .25.710
10 מינוט פון דער דאנציגער בערזע. זיינע רענאמירטע שפייזען, מיטאגען און אווענד-ברויטען האבען זיך ערווארבען די גרעסטע אנערקענונג ביי די ג' געסט. ערשטקל. ווארשאווער יודישער קולינאר-גאסטראנאמיש לייטונג. בעקוועמער לופטיגער גרויסער לאקאל. טעגליך לאדזער און ווארשאווער יודישע און נישט-יודישע צייטונגען. טעה פון סאמאוואר, קאלטער בופעט ביער און ערשטקלאסיגע ווייגען.

די געצען פון בירא-בידזשאן

משיכאווע רעליגיעזע מנהגים אינ'ם געגענד פון דער נייער יודישער איינוואנדערונג אין רוסלאנד.

דער שאמאן, צוליב זיין הייליגקייט, האט זיך אפגעגאלט די בערד און מיט בערען-פעטס האט ער זיך אויסגעשמירט דעם אפגעגאלטען קאפ. ער גיט עס אכטונג אויף די מתנות געצען און אויף די מענשען, וואס ברענגען די קרבנות.

א האלב-נאקעטער יונגעל לויפט ארום איבער'ן טעמפעל און מיט א הילצערנעם האמער קלאפט ער אין א מעשענעם טאץ. דאס רופט ער תפלה צו טון, און אזוי באלד ער רופט, קומען די מענשען צו די געצען, פון וועמען עס שטאמען די געצען און דאס לעבען פון בירא-בידזשאן. עס קומען די מענשען אין די בעסטע קליידער פון בערען-פעל און מיט פוטערנע היטלען אויף די קעפ. עס קומען די פרויען אין מאנטלען געמאכט פון סחורה מיט שרייענדע קאלירען און מיט הויזען געמאכט פון ציגען-פעל. אין די האר ביי זיי זיינען איינגעפלאכטען ביינער, שווינדלעך און פעדערען. אויף די פרויען-חלוקער הענגען קרעלען און זיינען געמאכט פון האניג און געלד.

די מענער, אריינגעהענדיג אין טעמפעל, הויבען אויף די פנים'ער צום געצען פון לעבען. אלס מתנה גיט דער שאמאן ליכט, און די פרויען פעכען מיט די ליכט פאר די געצען און פוצען זיי אויס אין שעהנע בענדער. אנדערע שמירען אויס מיט סמעטענע די ליפען און די אויערען ביי די געצען — ווייל נאכ'ן פערזוכען די סמעטענע ווערען אפילו די שלעכטע געצען גוט און מילד.

אין טעמפעל שטעהען די מענער אין פאראויס און די פרויען ביים טיר, ווייל זיי, די פרויען, זענען אומריין און זיי מוזען זיך געפינען הינטער די מענער, וואס זענען פערבונדען אלס ריינע.

דער שאמאן טוט זיך אן אין דער אנוועזענהייט פון די געצען, צום ערשטען אין א בלויען טלית און נאכדעם אין א פעל מיט גלעקלעך און אין א גאלדענעם האלז-טוך און אויפ'ן קאפ טראגט ער א היטעל מיט הערנער פון א ווילדען אקס. אויפ'ן פנים טראגט ער א מאסקע פון אנ'אקס, מיט א רויטען פלעק אויפ'ן שטערן, און אין די הענט ביי איהם געפינט זיך א דריי-עקיגער מעסער בעפוצט מיט בענדער און מיט גלעקלעך פון יונגע שאף.

די פערזאמעלטע פאטשען מיט די הענט און רופען צו טאבא. ער זאל ארויסקומען פון די הויכען פון בירא-בידזשאן און זאל זיך בעוויזען פון די הויכקייטען פון פאנציכא. דער שאמאן לויפט ארום, ער דרעהט זיך, ער שרייט ארויס די ווערטער, וואס טאבא רעדט אריין אין איהם:

— טאבא זשיוו, — ברומט דער שאמאן. — רופט אייערע קרבנות מיט די צייהן, איהר וועט נישט שטארבען, ער וועט קומען.

דער שאמאן דרעהט זיך, דער יונגעל קלאפט אין פויק, דער ריח פון די ליכט יאגט אן אנ'איבעל. ביים שאמאן שפריצט שוים פון מויל. ער שרייט משוגע'דיג און יאגט אן אנ'אימה אויף די פערזאמעלטע. דער שאמאן, פון דרעהען זיך, פאלט פאר די פיס פון טאבא און ווי א געקוילעטער הירש ברומט ער און יאמערט. זיין קערפער ווארפט זיך אין קרעמפען, און אין דעם צושטאנד פון וואהנזין פאנגט ער אן זאגען נביאות וועגען דעם גייסט, וואס האט זיך בעזעצט אויף די הויכע הויכקייטען פון בירא-בידזשאן.

דער שאמאן שטעלט זיך אויף די קני. ער ווארפט אוועק דעם דריי-עקיגען מעסער און נעמט זיך פאר דעם ברענענדיגען מעסער, מיט וועלכען מען שעכט די קרבנות. דער מעסער איז דין און לאנג, די הענטעל איז בעפוצט מיט די טייערסטע שטיינער, וואס מען האט ארויסבעקומען פון די בירא-בידזשאנער בערג. דער שאמאן שארפט דאס מעסער און עס ווערט ווי א בריטווע, דאן בערוהיגט איהם דער שאמאן צו די געצען און ער נעמט זיך שניידען שטיקלעך פלייש, וואס ליגען פאר די געטער. די פערזאמעלטע, קניהענדיגע, נעמען די שטיקלעך פלייש, און עס אזוי בעהעפטען זיי דעם זינדיגען גוף מיט דעם גרויסען גייסט.

די גאנצע געגענט פון בירא-בידזשאן איז פול מיט דעם גייסט פון שאמאניזם, און עס דאכט זיך, אז די גאנצע טייגא איז אנגעפילט מיט דער געהיימניספולער ווירקונג פון דעם דאזיגען ווילדען גלויבען, און וואס איז אויסגעוואקסען ביז דעם הויכען שפיץ פון פאנציכא. דער שאמאניזם, וואס איז ארויסגעוואקסען פון דעם בודיזם, בעהערשט די פינצטערע טייגא און בעגייסטערט אלע מעשים און פאסירונגען. די טייגא פון בירא-בידזשאן און דער שאמאניזם פון טאבא האבען זיך צוזאמענגעגאסען איינאיינעם און עס איז געווארען פון דעם א גרויסע קראפט, וואס בעהערשט די אלטע, געהיימניספולע וועלט פון מזרח.

קיין קולטור האט נישט אויסגעווארצלען דעם טיפען איינגעוואקסענעם שאמאניזם און קיין זאך האט נישט פערניכטען דעם געלדענעם גאטעל פון דעם גאט טאבא. עס וועט פאלען די קירך פון מזרח, עס וועט פאלען די קירך פון מערב, עס וועט אפשר פערניכטעט ווערען דער קאטוליציזם, אבער דער שאמאניזם וועט לעבען און ער וועט, אזוי ווי מיט טויזענטער יאהרען צוריק, פערהייליגען אלע וועגען און אלע טרויעטען פון די מיליאנען מאנגאלען, וואס בעוואוינען דעם מיטעל-טייל פון אזיע, און וואס הערשט אויך אין די אלטע, דרימלענדיגע בערג פון מזרח-סיביר.

(ענדע)

דער קעלאג-פאקט און באמבעס אויף די ניקאראגועער אויפשטענדיגע

ניו-יארק, 14 אויגוסט (פאט"א.) איינעגע אמעריקאנישע מיליטערישע עראפלאנען האבען געווארפען מיט באמבעס דאס ארט, וואו ס'געפינען זיך די רעשטלעך פון די אויפשטענדיגע. ווי בעקאנט, זענען די אויפשטענדיגע אין ניקאראגוא צוטריבען געווארען דורכ'ן מיליטער פון די פעראייניגטע שטאטען.

לאדזשער כראניק.

נאכט-דיזשורנע אין די אפטייקען.

היינט דיזשורירן פאלגענדע אפטייקן: מאוישיצקי, נאפיורקאווסקא 27; דאַניעלסקי, פיעטריקאווער 127; איליניצקי, וואלטשאנסקא 37; לינוועבער, פלאץ וואלנאשטשי 2; הארטמאן, פלינארסקא 1 און קאהאנע אלעקסאנדראווסקא 80.

„רימשאַלט“ אויף בריוו פאר פריוואט-פערזאנען.

(§) ווי עס מעלט אונז מיט די דירעקציע פון דער פאסט אין לאדז קאנען פריוואטע פערזאנען און פירמעס אויפגעבען בריוו, בעצאהלענדיג „רימשאל-מאַרקע“, א זאך, וואס איז ביז אהער געווען צוגענגליך בלויז פאר די מלוכה-אמטען.

א וועג צו דער מאלאניע און קאנסטאנטינער וועלדעל

(מ) די בוי-אפטיילונג ביים מאגיסטראט טרעט צו אויסצובויען די אלעיא אוניא פון טרעבושינסקא ביז קאנסטאנטינער. די פערלענגערונג פון דער ראזנער גאס וועט האבען א גרויסע בעדייטונג פאר די איינוואוינער פון דער מאלאניע און קאנסטאנטינער וואלד. קיין טעגרונגען חודש וועט דער פערקעהר אויפ'ן דערמאנטען שטח שוין זיין פרעי.

אפמאך אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע ווערט דערווייל נישט געקינדיגט?

(§) ווי מיר האבען פאראנגע וואך מיטגעטיילט, האט די הויפט-פערוואלטונג פון פערבאנד פון די קלאסען-פעראיינען בעשלאסען צו געבען פריינע הענד דעם אויספיהר-קאמיטעט אין דער פראגע וועגען קינדיגען דעם אפמאך מיט די טעקסטיל-אינדוסטריעלער.

עהערגעסטען האט טאקע דער אויספיהר-קאמיטעט אפגעהאלטען א זיצונג, אויף וועלכער די מיטגלידער האבען אפגעגעבען א בעריכט פון דער שטימונג, וואס עס הערשט אין די פאבריקען אין לאדז און אויף דער פראווינץ. לויט'ן אפגעגעבענעם בעריכט איז צו זעהען, אז א גרויסער טייל פון די ארבייטער זענען פאר קינדיגען דעם אפמאך, מחמת זייט די ארבייטער האבען נעקרי-גען די 6-פראצענטיגע הוספה ביז אויצט און דער יקרות אויף לעבענס-מיטעל בעדייטענד געשטיגען. מען דארף דעריבער קינדיגען דעם אפמאך און ארויס-שטעלען נייע הוספה-פאדערונגען.

ארום דער פראגע האט זיך אנטוויקעלט א לענגערע דיסקוסיע, בעת וועל-כער פיל רעדנער האבען אנגעוויזען פערקעהרט, אז אויצט איז די צייט לגמרי נישט פאסיג פאר קיין לוין-אק-ציע צוליב דער שלעכטער קאניונקטור און א שטרייק וואלט די אינדוסטריעלער געהאט געוואונשען, מחמת זיי האבען פולע לאגערן סחורות. צום סוף איז מאקע אנגענומען געווארען א בעשלוס, אז דער אויצטיגער מאמענט איז נישט גינסטיג פאר קינדיגען דעם אפמאך.

* * *

אויך די הויפט-פערוואלטונג פון „פראצא“ האט עהערגעסטען אפגעהאל-טען א זיצונג אויף וועלכער עס איז בע-טראכט געווארען די פראגע וועגען קינ-דיגען דעם אפמאך אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע. נאך א לענגערער דיס-קוסיע איז בעשלאסען געווארען אויצט דעם אפמאך נישט צו קינדיגען.

* * *

(פ) נעכטען איז אין לאדזשער פעראיין פערגעקומען א פערזאמלונג פון פאבריקס-דעלעגאטען וועגען דער פראגע פון קינדיגען דעם אפמאך אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע. די דעלעגאטען האבען זיך ארויסגעזאגט פאר א קינדי-גונג.

סארע דאקומענטע מוזען מיטברענגען צו דער רעגיסטראציע די 1910?

(מ) אין שייכות מיט דער רעגיס-טראציע פון יאהרגאנג 1910 מאכט בע-קאנט דאס פאלניצייאיש-מיליטערישע ביורא ביים מאגיסטראט, אז די פער-אינטערעסירטע דארפען ביז'ן 1. סעפ-טעמבער 1928 זיך פערזעהען מיט פאַ-מער, ס'הייסט א פאס אדער א געבורטס מעטריקע אדער א „וואטשאנג“. אויב מען האט בלויז א מעטריקע אדער א וואטשאנג און נישט קיין פאס, מוז מען אויך צושטעלען עפעס אנ'אנדערען דא-קומענט מיט א פאטאגראף.

ווער גנב'עט אין דער אלטשטעטישער שוהל?

(ג) און אין ארום דער אלטשטעטי-שער שוהל איז עפיס נישט אין ארדנונג. די מעג האבען מיר ערשט געשריבען וועגען דער דריטער גנבה, וואס איז גע-שעהען אין דער שוהל זייט נאך פסח. און אויצט הערט זיך שוין ווידער וועגען א נייער גנבה. עס זענען געגנב'עט 42 פענסטער-שויבען.

די גבאים פון דער שוהל, ווי אויך און דער קהלה און מען ביי דער טוער, אז די גנבות אין דער שוהל ווערען אויס געפיהרט סיסטעמאטיש און נישט דורך קיין פראפעסיאנעלע גנבים... עס זאל זיין, אזוי צו זאגען, הויז-גנבות, וואס זענען פיל-פאך געפעהרליכער.

ווי מיר הערען, זאל די קהלה איבער-געבען די פאקטישע פיהרונג פון דער שוהל א פערזאן מיט אנ'„איינגערע האנד“, אנ'אמת'ען לאדזשער טוסאלינגי, מחמת אויך אין משונגעים-הויז אויף וועלאלא-גאס זענען בשעתו פארגעקומען אזעלכע זאכען, וואס זענען עהנליך צו די פאקטען, וועלכע לאזען זיך הערען וועגען דער שוהל אויף אלט-שטאט.

צייגנישען צו דער רעגיסטראציע פון די אונטערנעמונגען

(מ) די אונטערנעהמער, וואס מעל-דען זיך צו דער רעגיסטראציע און אונ-דוסטריע-אמט ערשטע אינסטאנץ מא-נען ארויסבעקומען בעשטעטיגונגען, אז זיי האבען אויסגעקויפט א פאטענט אויפ'ן יאהר 1927 און די פינאנץ-אמ-טען, בעצאהלענדיג דעם שטעמפעל-אפ-צאהל. א צווייטיש, אז מען פיהרט א זעלבסטשטענדיגע אונטערנעהמונג נוט ארויס דער מאגיסטראט.

אין וואסער וואלוטעס קען מען שיקען געלט קיין רוסלאנד?

(§) ווי עס אינפארמירט אונז די די-רעקציע פון דער לאדזשער פאסט, קע-נען ווערט בריף און געלט געשיקט ווע-רען קיין רוסלאנד אין אלע וואלוטעס א חוץ טשער אנצעס לויט'ן וואוקס פון דער סאוויעטען-מאכט.

דער מארגענדיגער בעריכטס-מיטינג

איבער די פראגען פון דער יידישער אגענץ

אין די ברייטע יודישע קרייזען האט פון אונזער שטאט דער בעריכטס-מיטינג, וואס קומט פאר מארגען אין פילהארמא-ניע-זאל איבער די פראגען פון דער יו-דישער אגענץ, ארויסגערופען א גרויס-אינטערעסע. דיגע פאראינטערעסירונג, האלטענדיג די פערברייטערונג פון דער אגענץ פאר א נייע תקופה אין ציוניזם פון א שעפע-ל'ען טעמפא פון ארץ-ישראל אויפבוי.

צו גרויסע מחמירים זענען די קאסירער איז די פינאנץ-אמטען

(§) נעכטען האט די לאדזשער פינאנץ-קאמער בעקומען א צירקולאר פון פי-נאנץ-מיניסטעריום וועגען אנגעמען און אויסמיישען בעשעדיגטע באנקנאטען. דערביי ווערט אויפמערקזאם געמאכט דערויף, וואס פיל קאסירער ווילען נישט אננעמען קיין באנקנאטען, אויב עס גע-פינט זיך אויף זיי דער מינדעסטער צייכען, אויפשריפט א.א. און צירקולאר ווערט געזאגט נישט שטארק דערמיט מדקדק צו זיין.

מאשען-ציהער

(§) צווישען פובליקום האט בעצויבערט דעם „לונא פארק“ אויף פלאץ דאמבראווסקי מעהרען זיך אין די לעצטע טעג די פאלען פון טאשען-גנבות. נעכטען האט געמעלדען פאליציי שמואל ווינטרויב פון זשעראמסקי 12 אז מען האט איהם אויפ'ן דערמאנטען ארט ארויסגע-גנב'עט א פארטפעל מיט 50 זל. און פערשידענע דאקומענטען. אויך ביי סטא-ניסלאוו בארטניצקי האט מען דארט ארויסגעגנב'עט א פארטפעל מיט פערשי-דענע דאקומענטען.

געהיימניספולער אנפאל

(§) נעכטען איז אויף פראמשינסקא 85 א אומבעקאנטער אנגעפאלען אויף דער 24 יעהריגער סטאניסלאווא ראשאק און זי פערוואונדעט מיט א מעסער. פא-געטאוויע האט דער געליטענער ערטייל'ט הילף. פאליציי זוכט דעם אנפאלער.

„דער גבור און קייטען“

אין שטאטישען קינא ווערט היינט דעמאנסטרירט דער פראכטפולער פילם, לויט דער בעריהמטער ערצעהלונג פון וויקטאר הוגא „דער גבור און קייטען“. די פארשטעלונגען גהען ארום מיט גרויס ערפאלג.

קאנפערענץ וועגען פערבאט אויף נאכט-ארבייט

(§) ענגע קומענדיגע וואך קומט פאר ביים ארבייטס-אינספעקטאר די קאנפע-רענץ וועגען פערבוטען נאכט-ארבייט אין די פאבריקען פון לאדזשער ראיאן, מיט דער בעטייליגונג פון א רעגירונגס פון ארבייטס-מיניסטעריום.

אויסשטעלונג אין „הזמיר“

(—) בפרוב וועט אין „הזמיר“ גע-עפענט ווערען א בילדער-אויסשטעלונג פון א רייהע לאדזשער מאלער, צווישען וועלכע עס געפינט זיך אויך דער אין די לאדזשער קונסטלער-קרייזען פאפולערער און בעגאבטער מאלער ה' יעקב מיט-לער.

עס וועלען אויסגעשטעלט ווערען ביז 200 ווערק. די אויסשטעלונג רופט ארויס א גרויסען אינטערעס.

רודאלף וואלענטינא האט נישט געהאט קיין מזל צו פרויען

וועלט-בעריהמטע הארצברעכער פון די פילמס, ווי זיי זעהען אויס אין לעבען.

זיצענדיג אין קינעמאטאגראף און קוקענדיג אויף די גליקליכע פנים'ער פון די אקטיארען, וועלכע שפּילען די ראָלע פון ליבהאבער, ווי זיי בעזיגען פון ערשטען בליק אלע מיידעלשע הערצער, האט זיין גלוסט זיך, דאכט זיך אויס, אז די דאזיגע אקטיארען דארפען האבען א סך מזל אין לעבען, דארפען זיין די גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט, האבען צו פרויען אן'אומגעהויערען מזל און קאנען דערגרייכען אלץ, וואס זיי פערוויל'ט זיך. אין דער ווירקליכקייט איז אבער נישט אזוי. נישט אלע אקטיארען, וועלכע ווייזען זיך פאר'ן עולם ווי אויסערגעוועהנליכע „הארצברעכער“ האבען אין ווירקליכען לעבען גליק צו ליבע און צום לעבען. פערקעהרט: פאר-האן אזעלכע, וועלכע זעהען אויס אויף דעם לייוונט, אדער אויף דער ביהנע, גליקליך, ערפאלגרייך און פערליבט און אין דער ווירקליכקייט זענען זיי אומגליקליך, האבען נישט קיין ערפאלג נישט צווישען פרויען און נישט אין דער געזעלשאפט.

געהאט, א שטייגער, דעם וועלט-בעריהמטען, ראמאנטישען קינא-סטאר, מיט א קורצער צייט צוריק פערשטארבענעם רודאלף וואלענטינא. אלע מאל איז ער גליקליך-שמייכלענדיג, שיינט ווי א בעצויבערטער. וועמען וואלט דאס איינגעפאלען, אז דער ראדאלף וואלענטינא, וועלכער איז אין דער גאנצער וועלט אזוי בעליבט אלס א הארצברעכער, ער האט געפיהרט אנ'אומגליקליך לעבען און צו ליבע קיין מזל נישט געהאט. ראדאלף וואלענטינא איז געווען פער-הייראט מיט דער אקטריסע נאטאשא ראמבאווא, און ער איז געווען א גע-טרייער מאן, אבער זיין פרוי האט זיך צו איהם פערהאלטען קאלט. זי פלעגט אוועקפאהרען אויף א לאנגע צייט פון דער היים און קיינמאל נישט ארויסגע-וויזען קיין ליבע צו איהם. איהר מאמע האט איהם בעהאנדעלט ווי א זוהן, האט רחמנות געהאט אויף איהם און איהם געטרייסט ווי א קינד.

אויך ווען ער האט זיך גע'גט, איז ער געווען אין לעבען דער זעלביגער שלים'מזל צו ליבעס, ווי פריהער. די גאנצע וועלט פרויען זענען געווען פער-ליבט אין איהם, אבער די פרויען פון זיין אייגענעם קרייז, וועלכע זענען מיט איהם פערזענליך געקומען אין בעריה-רונג, זענען נישט ארומגעגאנגען מיט צובראכענע הערצער. ער איז געווען א שטילער יונגערמאן, ער האט נישט גע-זוכט קיין פרויען-קרבנות, אויף צו צו-ברעכען זייערע הערצער.

די קינא-בעזוכערינס האבען אבער וועגען איהם געהאט אנ'אנדערע מיי-נונג...

זעהר ווייניג מזל האט אויך דער וועלט-בעריהמטער קאמיקער, דער גרעס-טער קאמיקער, וואס איז היינט דא, — טשארלי טשאפלין.

ווער וואלט זיך עס געקאנט פארשטעלען, זעהענדיג דעם פרעהליכען טשאפ-לינ'ען אויף דעם לייוונט, אז דער מענש איז אין דער ווירקליכקייט נאר א מענש, וואס איז דורכגעזאפט מיט טראגיזם?

טשאפלין האט געראדע א סך מעהר פרויען, וואס פערליבען זיך אין איהם, ווי עס האבען בעריהמטע ראמאנטישע אקטיארען. ער האט אבער נישט קיין מזל צו ראמאנען. זיינע חתונות האבען זיך אויסגעלאזט מיט גט'ען און סקאנ-דאלען. קיין נחת האט ער פון זיי נישט געהאט...

עס ווערט דערצעהלט, אז יונגע בילד-שיינע מיידלעך צאהלען כאטש די בעדינער פון טשארלי טשאפלין, אז מען זאל זיי ארייננלאזען אין הויז, זיי זאלען קענען זיך ערקלערען טשאפלינ'ען אין ליבע. דאך איז טשאפלין א טראגי-שע פיגור. ער פיהלט זיך אומגליקליך. אויב ער האט מזל צו ליבע, האט ער נישט קיין מזל צום לעבען. כאטש ער איז דער גרעסטער קאמיקער, איז ער דאך שטענדיג פערטראכט, פער'דאגה'ט, אומעטיג. און זיין לעבענס-געשיכטע איז אנגעפיקעוועט מיט טראגעדיעס. עס קען אויך זיין, אז דערפאר זעהט ער אזוי ראמאנטיש אויס אין די אויגען פון די פרויען. ער איז פאר זיי אינטערעסאנט ווי ווילען זיך בעקענען מיט איהם, טרייס-טען איהם. אבער פרויען האבען קיינ-מאל איהם נישט געבראכט קיין גליק. איניגע שעהנע פרויען פערפאלגען איהם מיט ליבע, ביז וואנען ער גיט זיך אונ-טער, און נאכדעם קעהרען זיי זיך פון איהם אפ, מאכען געלט און מאכען סקאנדאלען.

נישט אזוי ביסעל הארץ-ווייטאג האט טשאפלין שוין געהאט פון אזעל-כע זאכען...

אויך נישט ווי אויף דעם לייוונט, זעהט אויס דזשאן גילבערט, וועלכער איז איצט דער פאפולערסטער, ראמאנ-טישסטער פילם-שוישפילער. אויף דעם קינא-לייוונט ברעכט ער הערצער מיט דער גרעסטער פלינקייט. אין לעבען אבער איז ער שטילער, צוריקהאלטענ-דער מענש. די אקטריסעס יאגען זיך נישט נאך איהם און ער יאגט זיך נישט נאך זיי...

אויך דער פאפולערער פילם-שטערן, ראמאן נאוואראַ, וועלכער שפּילט די שטארקסטע ראמאנטישע ראָלען, איז בעקאנט אלס דער שטילסטער יונגער-מאן צווישען די אקטיארען פון זיין סביבה. עס ווערט וועגען איהם דער-צעהלט, אז אין לעבען פיהרט ער אב-סאלוט נישט קיין ראמאנטישע אוואנטו-רעס. ער איז גאר פרומער קאטאליק און פלאנעווט צו ווערען א גלח, ווייל עס בעצענקט זיך איהם שטארק צו זיין לעבען אין דער פריינטלעכער יוגענד, וועלכע ער האט פערבראכט אין א קלויסטער...

יא, נישט אלע אקטיארען, וואס זעהען אויס ראמאנטיש, גליקליך און אהן דאגות, זענען אין דער ווירקליכקייט אזוי ראמאנטיש גליקליך און אהן דאגות ווי זיי זעהען אויס אויפ'ן לייוונט פון קינא.

—0—

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע זאל — נאַרוטאָוויטש 20 —

לעצטע געזעגענונגס פארשטעלונג

פון דער גאנצער טרופּע

צוזאמען מיט דעם אמעריקאנער סטאר בעני אדלער

היינט, מיטוואך 9 אווענד. צו פאפולערע פרייזען

דער ווילדער מענש

אין 4 אקטען מיט געזאנג פון י. גארדאן הויפט ראָל למך בעני אדלער

צום שלום א קאנצערט פון אלע ארטיסטן

אין די אלע פיעסן נעמען אנטייל די נייע אנגאזשירטע ארטיסטען די ארטיסטען פון זאכלאווסקי'ס טרופּע רבקה נערה, און ארטיסט י. ראקאוו ארטיסט און זינגער פון ווילנער-טעאטער מ. טרילינג אלע פיעסן רעזשיסירט פון בעני אדלער. איספּרעס.: מאלאמאן מוסטין

געזאנגס-פיהרער בעזמאן. פיהנע-דעקאר: מאכאראוסקי. מוזיק, לייטונג ל. זעלמאן. בילעטען אויף אלע פארשטעלונגען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.

טעלעפאן נומער 11-15

צו דער היינטיגער גארטען-פערוויילונג אין „העלענאוו“

— קענט איהר דעם טעלעפאן נומער 15—11?

— א שעהנע שאלה, ל'לעבען! וועלכער יוד, וועלכעס קינד קען דאס נישט דעם דאזיגען נומער? וועלכע לאדזשער אונחר וועט פרעגען: — און אמך בע-קאנט דער טעלעפאן נומער 15—11? וועט ער אייך מאמענטאל ענטפערן: — „לינת הצדק“!

11—15 איז דער פאפולערסטער טע-לעפאן-נומער אין לאדז. קינד און קייט קען איהם. פון פאליציאנט ביז'ן די זשורנעס פייער-לעשער. פון דער סא-לאן-דאמע ביז דער פרוי פון דער פא-ציאטקע אויף דער פייפערובקע, פון דעם לעפ-קינד ביז'ן ארימען ארבייטער. אלע, אלע קענען דעם טעלעפאן נומער 15—11. וואס דארפט איהר מעהר: — אפילו די טעלעפאניסטקע אויף דער טע-לעפאן-סטאציע פערגינט אייך, נישט איבערפרעגענדיג — מיט דעם נומער 15—11...

אמאל, אמאל מיט יאהרען צוריק האט דעם נומער נאר געקענט באלוט. „לינת הצדק“ איז אמאל געווען פאפו-לער ביי דער יודישער ארימקייט. דארט אין די ענגע, שמאלע באלוטער געס-לעך, דארט האט מען נאכט ביי נאכט געהערט די פאנאטאוויע-סיגנאלען פון דער „לינת-הצדק“-קארעטקע, נאכט ביי נאכט איז די טויט-שמולקייט און די קעלמא, דאלנא, לאגעווניצקא איבערגע-ריסען געווארען פון דעם טומערט פון די פערד-פארסאוועס פון דער „לינת הצדק“-קארעטע. ס'איז געווען א קלינג פון טעלעפאן, און די פערד זענען שוין אלעין אויטאמאטיש געלאפען אין דעם יודישען קווארטאל פון דחקות, עלענד און קראנקהייטען — קיין באלוט.

דאס איז געווען ביז דער מלחמה. אין די לעצטע יאהרען אבער איז באלוט געווארען אויס יחסן ביי „לינת הצדק“. די גאלץ-פאנאטאוויע איז געווארען א נויטווענדיגקייט, אזוי ביי דער ארימער, ווי ביי דער בעמיטעלטער יודישער בע-פעלקערונג. ווי זייט פאפולער „לינת הצדק“ איז געווארען די לעצטע צייט און געגנג אנצווייזען אויף דער געוועל-שאפט „פאסמא“, וועלכע האט געפונען פאר גוטמוג אויפ'ן ערשטען שער-בלעטעל פונ'ם טעלעפאן-בוך, וואו ס'געפי-נען זיך די טעלעפאנען פון די פייער-לעשער, שמאטישע פאגאטאוויע — אויך אנצוגעבען דעם טעלעפאן-נומער פון דער נאכט-פאגאטאוויע פון „לינת הצדק“.

דערמיט, וואס מ'האט די נאכט-פא-גאטאוויע געגומען בענוצען און אלע שטאט-טיילען, איז די ארבייט געווארען זעהר א בעשווערטע. ס'האט זעהר אפט געטראפען, אז גלייכצייטיג איז די פא-נאטאוויע ארויסגערופען געווארען צו צוויי שווערע פארפאלען: איינער אין ראדאגאשטש און דער צווייטער אויפ'ן פאביאניצער שאסע. און אזעלכע פא-לען זענען געווען זעהר אפט.

דעם שרייבער פון די דאזיגע שורות איז אפטמאל אויסגעקומען ביי'ן צוזאמען זיין ביי אזעלכע טראגישע מאמענטען, ווען אויף דער וואג-שאל איז געלעגען דאס לעבען פון א מענש, און ביי דער דאק-טאר, ביי די דיזשורנעס האבען זיך גע-קאנט אריענטירען: וואוהין פאהרט מען? קיין ראדאגאשטש, אדער אויפ'ן פאביאניצער שאסע?

די פערוואלטונג פון „לינת הצדק“ האט דערום מיט דעם שאפען דעם אוי-טא פערווירקליכט א פראיעקט, וואס איז יאהרען-לאנג געשטאנען אויפ'ן סדר היום און נאר צוליב פינאנציעלע שווע-ריגקייטען האט מען איהם נישט גע-קאנט רעאליזירען. מיט דעם לאזען און בעוועגונג דעם אויטא, זענען בעזייטיגט געווארען די איבענדערמאנטע קאמפלי-קאציעס, פארוואס דער פערוואלטונג קומט דעם אמת'ן יישר כח.

ווי מיר האבען שוין דערמאנט, נוט „לינת הצדק“ חולף דער גאנצער יודי-שער בעפעלקערונג. ביים אנקלינגען ווע-גען א פארפאל, פרעגט מען ביי קיינעם נישט קיין פאס, קיין פאליטישע לעגי-טימאציע. „לינת חצדק“ העלפט אלע-מען, ווער ס'נויטיגט זיך צו איהר נאך הילף. און דעריבער לינגט א חוב אויף אלע שיכטען און קלאסען פון דער יודי-שער בעפעלקערונג מיטצוהעלפען דער פערוואלטונג ביים ערפילען די שווערע און פעראנטווארטליכע אויפגאבען, וואס זי האט אויף זיך גענומען.

לעדער איז עס נישט אזוי. די נויט-ווענדיגע און סימפאטישע אינסטיטוציע לעבט איבער א פינאנציעלען קריזיס. עס איז זעהר טרויעריג. אבער פאַרט א פאקט.

מיר ווילען דעריבער האפען, אז דאס יודישע לאדז וועט היינט אנפילען דעם „העלענאוו“ און אזוי ארום דעם „לינת הצדק“ געבען די מעגליכקייט פארטצו-זעצען און צו זיכערן די עקזיסטענץ פון דער אינסטיטוציע, וואס פערדינט די גרעסטע אונטערשטיצונג פון דער יודי-שער בעפעלקערונג.

אלזא, אויב דאס וועטער וועט נאך דינגען, זעהען מיר זיך היינט אין „הע-לענאוו“, וואו דער „לינת הצדק“ האט צוגעגרייט א ים מיט סורפרויזען און פערוויילונגס-נומערן.

„לינת הצדק“ פאר אלע. און אלע פאר „לינת הצדק“!

—וישאו.

משה פריץ, דער טויבער „ציצית־יוד“ מיט טעמפעראמענט

די ראבינאטען פון לאדז, ווארשא און תל-אביב מענען זיך נישט קיין עצה-געבען מיט דער צאצקע

(ג) מיר האבען געפּאַקט א יוד הגיזמט ער נישט מעהר און נישט ווענינער ווי משה פריץ; א יוד א בן-שישים, דער פאר אבער נישט קיין בריץ מיט מאַיאַנטקעס, מיט ערד-שטחים, מיט פאַראַבקעס און מיט אלע זיבען זאכען, וואָס געהערען זיך אַז צו א פריץ, נאר א פריץ פון א ווייב.

אז מען בעקענט זיך נאָהענט מיט דער לעבענס-געשיכטע פון דעם פריץ, איבערצייגט מען זיך, אז זיין גאנץ היות איז — דאס ווייב.

און טאקע צוליב זיין ווייב האבען מיר געהאט די מעגליכקייט מיט דעם פריץ זיך צו בעקענען.

די פערזענליכקייט פון משה פריץ קאָן אילוסטרירט ווערען מיט זיין אויסערליך אויסזעהן און מיט זיין פאר:

א נידריג-געוואקסען יודעל און אונזער פריץ; גרויע באָרד און פאות, נוך-לויפענדיגע אייגעלעך. ער איז מלא, דערפאר האט ער א גוטען חוש-הריח — מיט זיין נאָז דערשנאפט ער גנה, ווי אזוי עס וועט פאר איהם בעסער זיין... און בעקוועמליכקייט פאָדערט ער דופא יא, פון פאר איז אונזער משה א העני-לער פון ציצית, מעשה-ביכלעך וכדומה.

ווי איהר קאָנט זיך אָנשטויסען, האט אזא יוד אנ'אייגען ווייב, — אנדערש קאָן דאָר נישט געמאלט זיין!

אליזא, ר' משה פריץ, אונזער העלד האט א ווייב. אין תל-אביב האט ער זי. „זי איז אין מזרח און ער איז אין מערב און זיין הארץ האט זיך פער-בענקט נאך איהר“, הנה און דער אמת'. האט ער נישט קיין רעכט צו בענקען נאך זיין ווייב. ווארום זי האט איהם אוועקפאר משלח געווען פון זיך.

מחמת דעם קלאפט אט אונזער פריץ די טירען ביי אלע ראבינאט-מיטגלידער, אז זיי זאלען זיך „ארייגלייגען אין עסק“, אז זיין ווייב אין תל-אביב זאל איהם ארויסשיקען אנ'אויספאָדערונג, דאס ער זאל קאָנען צוריקפאָהרען קיין ארץ-ישראל. דערמיט פערבינדט ער צוויי האַפנונגען: ראשית ווייל ער זיין ביי זיין ווייב און קינדער, והשנית ווייל ער, עד מאה ועשרים, געפינען מנוחה אין דער שוים פון דער הייליגער ערד, וואו עס רוהען די אבות.

דעם ראבינאט איז דער יוד שוין בע-קאַנט ווי א בחוצער שולינגער, דעריבער האט מען נישט געלעגט קיין אכט אויף זיינע טענות. פון דער מוכר-ספרים'ניק האט אנגעהויבען דראהען און ווייזען אויף זיין פערלוירענקייט. דער ראבינאט האט זיך דאן מיישב-געווען: אפשר איז דער משה א ביסעל גערעכט? און עס איז אוועקגעגאנגען א ברוף צום רבנות-הראשית אין ארץ-ישראל מיט א פעסטיציע וועגען אונזער יוד.

אונגעלען איז צוריקגעקומען פון ארץ-ישראל א תשובה, אז פון די צוויי קונ-דער, וואס די יודינע אין תל-אביב האט געהאט פון משה פריץ, איז איינס נע-שטארבען. ווארום משה פריץ — שרייבט דאס רבנות הראשית — האט א שוואַל-קייט דאס קנאפע פערדינסט זיינס נישט אחוומצוגעבען דעם ווייב. ער האט ליב צו זיין „א מענש פאר זיך“. על-כן ווייל דאס ווייב, אז אוהר משה זאל שיקען געלד קיין ארץ-ישראל. דאס וועט זיין א סימן, אז ער מיינט ערנסט שלום צו שליסען. אויב נישט ווייל זי א גט.

ווען מען האט אין לאדז איבערגע-געבען אונזער פריץ דעם ווייב'ס בערינג, איז ער ארויס מיט זיין מויל-ווערק, האט גענומען אויסרעדען אויפ'ן ווייב אסור לדבר. זי וויל א גט — איך וועל איהר געבען א פייג מיט עסיג. וועט זי נישט שיקען אנ'ארויספאָדערונג קיין ארץ-ישראל, מוזט איהר מיר געבען א היתר מאה-רבנים.

דער ראבינאט איז ווי עס איז פון איהם פטור געווארען. אבער עס האט נארנישט לאנג געדויערט און פון ווארשאווער ראבינאט איז אנגעקומען א צא-פעלדיגע ידיעה, אז מען זאל זעהען אויפ-זוכען אין לאדז א ציצית-הענדלער, א געוויסען משה פריץ, וועלכער האט אין ווארשא חתונה געהאט מיט אנ'עלטע-רער בתולה, ביי איהר צוגענומען דעם נדן און איז פון איהר אנטלאפען קיין לאדז אחן א גוטען טאג. „ער האט איהר פנים פערשווארצט, אפגעשאכטען אחן א מעסער און דערצו זי געלאזט אנ' עגונה.

בעקומענדיג אזא שטעך-ברוף נאך דעם פריץ פון די ווייבער, האט דער ראבינאט געלאזט רופען צו זיך דעם זקן מיט'ן טעמפעראמענט, איהם ערנסט-ליך אויסגעשוועצט און ביי איהם קוים מיט צרות געפועל'ט, ער זאל גט'ן זיין ווארשאווער ווייב.

דא האט זיך דער ראבינאט אונבער-צייגט, האט פאר א פיינעל דאס ציצית-יודעל איז, און האט איינגאנצען שוין אויפגעגעבען דעם פלאן צו אונטערווע-נורען ביי דער תל-אביב'ער יודינע, זי זאל איהם ארויפנעמען. פרי... איהם צו געבען א מקום מנוחה אויף דער ערד פון די הייליגע אבות.

— גו, זאגט אליין, ווהם מען וואַ-סערע טעמע יורען עם דרעהען זיך אויף דער וועלט, און מען זוכט זיי ארום מיט א סצאפע קוחן?

דאס פרעגען נישט מיר, די צייטונגס-שרייבער; אזוי האט פערענדיגט פאר אונז די מעשה א חיגער מורה-הוראה, וואס האט געהאט צו טון מיט דעם פריץ, דעם העלד פון דער לאזיגער גע-שיכטע.

קופאן № 155
אויף אומזיסטע יורידישע עצות.
דער פאזיצער אונ'ם קופאן קאן בעקומען אומזיסט יורידישע עצות דורכ'ן יורי-קאנסול פון אונזער רעדאקציע.
גילטיג היינט מיטוואָך, דעם 15. אויגוסט פון 8—9 אַוו.

געשאפען א סוחרים-שוץ פאר יודישע קליינהענדלער.

(ג). אונטער'ן פארזיץ פון וויצע-פרעזעס ה' מנחם קירשבוים איז פאר-געקומען אין צענטראלען קליינהענדלער-פעראיין (זאוואדזקא 5) א קאנפערענץ, וואס איז געווען געווידמעט די פראגע מכח דער פעררערדנונג וועגען די האַנ-דעלס-שבת'ן. ה' קירשבוים האט אויס-געפאָדערט די אנוועזענדע צו שאפען א סוחרים-שוץ, וואס זאל העלפען די אויפגאבע צו פערהיטען די קליינע סוחרים און קרעמער פון שטראפען, וואס דראהען פאר האנדלען נאך 7 א זייגער אוונט. איבערצייגענט צי די קליי-נע פערדינסטען, טער דער קליינהענד-לער נישט שטעלען אין קאָן זיין גאנ-צע עקזיסטענץ, ווייל די אדמיניסטרא-טיווע שטראפען, וואס זענען ווי פאר טובר-זיין אויפ'ן געזעץ וועגען דער האנדעלס-צייט, זענען אזוי הארב אז זיי זענען מסוגל צו בערויבען דעם קליינעם סוחר פון דעם קארגען שפּי-

קעל ברויט.

אין די אינטערעסען פון יודישען קליינהאנדעל אין לאדז איז דעריבער אין די נאחענטסטע טעג גערופען הוי-רען א גרויסע מאסען-פערזאמלונג, כדי אויסצוקלערען פאר אלע קליינהענדלער די גויטוועגדיגקייט פון נישט האנדלען נאך 7 אוונט. ביי דער געלעגענהייט האט ה' קירשבוים אויפמערקזאם גע-מאכט, אז דער סוחר קופערמאן פון הפאַדניא 89 איז שוין בעשטראפט געווארען פאר האנדלען 5 מינוט נאך 7 מיט 200 זל.

עס רעדען נאך די ח"ח גאָלדבערג, מינץ, גענעראַלאוויטש א. א. אין בעשלי-סען געווארען צו שאפען א קאפיטאל פון 20 טויזען, וואס זאל בעשיצען די סוחרים פון אדמיניסטראטיווע געלד-שטראפען אדער ארעסט צוליב'ן האנד-לען נאך 7 אוונט.

פון דער קהלה

(ג) פון זיכערע קוועלען גיט מען אונז איבער, אז די קהלה-פערוואלטונג האט אויפ'ן פרייהייטס-פלאץ 6, בשכנות מיט'ן איצטיגען קהלה-לאקאל, צוגעדינגען זעהר א גרויסען לאקאל, כדי צו פער-גרעסערן די קאנצעלאריע, בעשטימט א נייעם קאבינעט פאר'ן פרעזעס, א ספע-ציעלען קאבינעט פאר'ן וויצע-פרעזעס, א קאבינעט פאר'ן סעקרעטאר און א בא-זונדערען קאבינעט פאר די מיטגלידער פון ראבינאט, וואס וועלען אין קהלה-לאקאל יעדען טאג דיזשורירען און ער-לעדיגען אלע לויפענדע ענינים.

דעם נייעם לאקאל בעקומט די קהלה אין די נאהענטסטע טעג.

* * *

(ג) די ארבייטען צו בעלייכטען דעם בית-החיים מיט עלעקטריע, ווערען שוין פערענדיגט. די עלעקטראווניע, וועלכע האט צוגעזאגט צו געבען דער קהלה אנ'אומזיסטען קאבעל, וועט מעגליך וואך שוין צושטעלען צו דער ארבייט. אזוי ארום איז צו ערווארטען, אז אין צוויי וואכען ארום וועט דאס בית-עלמין שוין האבען עלעקטרישע ליכט.

* * *

(ג) לויט א ספעציעלער בערעכנונג האט די קהלה-פערוואלטונג, זינט מערץ ד.ה. און פערלויף פון 5 חדשים ארויס-געגעבען קליינע אונטערשטיצונגען פאר ארימע, קראנקע און הימלאזע אויף א סומע פון קרוב 40.000 זל.

אריינגערעכנעניג די דורכגעפיהרטע פסח-אקציע און קויהלען-שטיצע איז אין די לעצטע 5 חדשים דורך דער קהלה אויסגעגעבען געווארען ביז 250 טויזענד זל.

א יוד זיך אויסגעצייכענט אין שיסען.

(§) שבת און זונטאג דעם 11. און 12. זענען פארגעקומען אויף די לאדזשער שוס-פלעצער שיסער-איבונגען. דעם ער-שטען פלאץ האט פערנומען דער מיט-גליד פון ל.ק.ס. אנטאני נאוואק א יו-דישער סטודענט. פון די פרייזען פער-נעמט דעם 6. פלאץ די יורושקע ערא זילבער.

פלומפען-מאכער פאדערן א לוין-הוספה

(§) נעכטען איז ביים ארבייטס-אינ-ספעקטאר פארגעקומען א קאנפערענץ פון די פארשטעהער פון פלומפען-מא-כער און זייערע ארבייטס-געבער וועגען רעגולירען די לוינען. עס איז צו קיין הסכם נישט געקומען און דעם 23. ד. ח. וועט פארקומען א צווייטע קאנפע-רענץ

איבערגעפאהרען פון א וואגען

(§) נעכטען איז אויף קאנסטאנטינער 42 איבערגעפאהרען געווארען פון א וואגען דער 8 יעהריגער פעליקס געח-ראנסקי פון 1 מאי גאס 6. צוליב דעם וואס דער פורמאן האט בעוויזען אפצו-האלטען דעם וואגען, איז דאס יונגעל אפגעקומען מיט לייכטע וואונדען. פאגא-טאוויע האט איהם ערשטע הילף.

פינאנץ-קאמיסיע ביים קהלה-ראט בעשטעטיגט דעם בודזשעט אהן ענדערונגען

(ג) נעכטען אווענד איז פארגעקומען א זיצונג פון דער פינאנץ- און בוד-זשעט-קאמיסיע ביים קהלה-ראט. אויף דער טאגעס-ארדנונג האט זיך געפונען דער בודזשעט פאר 1928.

נאך א לענגערער דעבאטע, אין וועל-כער עס האבען אנטיילגענומען כמעט אלע אנוועזענדע קאמיסיע-מיטגלידער, איז דער בודזשעט בעשטעטיגט געווא-רען אהן ענדערונגען. דער בודזשעט וועט פארגעשטעלט ווערען דער קהלה-פערוואלטונג און וועט נאכדעם דארפען אקצעפטירט ווערען דורכ'ן פלענום פון קהלה-ראט.

וועט-לויף פון די שטשעלצעס

לויט דער טראדיציע פון די לעצטע יאהרען ארגאניזירט אויך היי-יאהר דער פערבאנד פון די סטשעלצעס א וועט-לויף איבער די גאסען פון שטאט א. נ. „4-טער יעהרליכער וועט-לויף פון 6. אויגוסט“. די טראסא פערנעמט 4000 מעטער און צוהט זיך איבער די גאסען עוואנגעליצקא, פעטריקאווער, אנוא, ארום פארק פאניאטאווסקי ביז דעם מויער אויף קארלא. דער וועט-לויף וועט פארקומען דעם 2. סעפטעמבער. אנהויב 11 פרוה.

ווען איהר געהט אריבער די גאס,
קוקט מיט אכטונג אויבען; איהר קענט נאך בלייבען אנ'אינוואליד קאלי-קע, אדער גאר געפינען דעם טויט.
היט זיך. מען זאל אייך נישט איבערפאהרען!

וואהל-ביוראס פאר די וואהלען צו דער האנדעלס-קאמער

(ב) אונטער'ן פארזיץ פון אונזשינער באיער איז פארגעקומען א זיצונג פון דער הויפט-וואהל-קאמיסיע פאר די וואהלען אין דער האנדעלס-קאמער. עס איז בעשלאסען געווארען, אז די אבווא-דאווע וואהל-ביוראס זאלען זיך געפונען אין די לאקאלען פון די סוחר'ישע אר-גאניזאציעס. די קאנדידאטען-ליסטען פאר מיטגלידער פון די אבוואדאווע קא-מיסיעס וועט פערענדיגט ווערען דעם 16. ד. ח.

זאקען-ארבייטער אין אלעקסאנדער דראהען מיט א שטרייק

(ב) ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט האבען די זאקען-ארבייטער אין אלעק-סאנדער ארויסגעשטעלט הוספה-פארדע-רונגען. הייות ווי די פאבריקאנטען האַ-בען קיין שום תשובה נישט געגעבען, האבען די ארבייטער בעשלאסען, אז אויב זייערע פאָדערונגען וועלען ביז'ן 16. נישט ערפילט ווערען צו ערקלערען א שטרייק.

וואס דער „ראזוואי“ האט צו דער-צעהלען פון דעם לאדזשער קראנקען-קאסע.

פון דער לאדזשער קראנקען-קאסע האַ-בען מיר בעקומען א ביטע צו פער-עפענטליכען פאלגענדע געלייכשטעלונג:

אין דער היגער צייטונג „ראזוואי“ פון 13. ד. ח. האט זיך בעוויזען פאל-גענדע נאטיץ א. ג. „דער שעיר לעזאזל“ פון וועלכען עס איז צו דרוקען, אז פראפ. ד"ר ח. טאמאשעוויטש זאל בלומרש'ט האבען בעקומען דימיסיע פון זיין אמט אלס הויפט-דאקטאר פון דער קראנקען-קאסע אין לאדז.

די דאזיגע ידיעה האט קיין שום יסוד נישט, מחמת פראפ. ד"ר טאמאשע-ווימש איז הויפט-דאקטאר פון דער קראנקען-קאסע און געפינט זיך איצט אויף אורלויב. ד"ר טאמאשעוויטש'ן פערטרעט איצט ד"ר סאקאלאווסקי.

די קראנקען-קאסע פון דער
שטאט לאדז

ב. קאלוזשינסקי פערוואלט-פרעז.
שוסטער אין ש.פ. פון דירעקטאר.

ליקווידירט געווארען דער שטרייק אין בעלכאטאוו

(ב) ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט האבען די טעקסטיל-ארבייטער אין בעל-כאטאוו פערשטרייקט, פאָדערנדיג א הוספה פון 6 פראצ.. נאך לאנגע אונ-טערהאנדלונגען האבען די אינדוסטרי-אלער מסכים געווען צו געבען די גע-פאָדערטע הוספה און דער שטרייק איז ליקווידירט געווארען.

איז שטורם פון ליידענשאפטען.

שפאנענדער ראמאן, פול שטוינענדע איבער-לעבונגען און ליבעס-אוואנטורעס.

(108-טע פארטזעצונג)

— ניין, מיין קינד, ניין! — האט רידער דייטליך געזאגט, אויפהויבענדיג זי אויף די הענט — איך נעם דיך מיט און נאכדעם העלפען מיר אויך צונעמען יען מוטער.

רידער, שעלער און דושעק זענען ארויס פון דער קאפעלע.

די „ליבע-וואך“ האט צוגעשלאסען די טיר אין זיך פעלעגט אויף די טרעפ.

62-טע קאפיטעל.

אין קאלומביע.

צעהן מייל פון ווערמאנטס טערמע ליגט די גרויסע שטאט קאלומביע, די הויפט-שטאט פון דער גאנצער געגענד.

דער פרעזידענט פון דער פאליציי איז געזעסען נעבען זיין גרויסען און עלעגאנטען שרייב-טיש און געארבייט. מיסטער קראפארד, אזוי האט ער געהייסען — איז געוועזען אנ'עלטערער אבער אנ'ענערגישער מענש. סאמול, א נעגער-פאליציאנט, איז געשטאנען ביי זיין בעסטער פרייגד, צו איהם האט ער געהאט מעהר צוטרויען ווי צו די איבעריגע פאליציאנטען יעצט האט סאמול דערלאנגט קראפארד'ן א וויזיט-קארטע.

„נאטשאלניק רידער פון ניו-יארק“ — האט דער פרעזידענט איבערגעלעזען און געהייסען רידער'ן גלייך ארייגלאזען. ער האט דעם נאטשאלניק געקענט פערזענליך.

— מיסטער רידער! — האט ער אויסגערופען פריינדליך און איז איהם אנטקעגענגעגאנגען — ווי אזוי קומט איהר אהער?

רידער האט זיך געזעצט און געזאגט:

— צוויי זאכען האבען מיך אהערגעבראכט. צוויי בעזונדערע זאכען, וועלכע זענען צווישען זיך געהיימניספול פערבונדען.

— דא האנדעלט זיך געוויס וועגען א וויכטיגען פערברעכען?

— יא, סער, וועגען נארדזשיים'ען.

— איז נאך דער מערדער, דער אמדעם פון מיסטער ספיס, נישט גע-פונען געווארען?

— דאס קלינגט ווי א פערוואורף, סער — האט זיך רידער בעלעדיגט.

קראפארד האט זיך גלייך ענטשולדיגט און רידער האט פארגעזעצט.

— די מערדערע איז פערבונדען מיט פיל פינסטערע, אונפערשטענדליכע און געהיימניספולע זאכען, אין דער מארד-געשיכטע געפינען זיך פיל פאמיליען-דראמען און טראגישע פאסירונגען.

— איהר מאכט מיך נייגעריג, נאטשאלניק — האט קראפארד געזאגט.

אלץ, וואס רידער האט געוואוסט וועגען נארדזשיימ'ען און וואנדא'ן, האט ער דערצעהלט קראפארד'ן, וועלכער האט עס גאנץ אויפמערקזאם אויסגעהערט.

— איהר זאגט, אלזא, געקומען איהם צו זוכען? — האט ער געפרעגט.

— יא, סער, וואנדא איז פון איהם אנטלאפען אחער, ווייל דער מערדער האט זי די גאנצע צייט געיאגט און נאך מיין מיינונג מוז ער זיין דא אין דער געגענד. ער האט זיך אנגעגעבען פאר א נאטשאלניק ווילסאן.

— ווילסאן ... ווילסאן ... — האט קראפארד איבערגע'חזר'ט — מיר איז דער נאמען אונבעקאנט.

— ער איז אבער געוויס אין דער געגענד און איך בין געקומען אהער איהם אויפזוכען, דאס איז איינס. צווייטענס בין איך געקומען צו אייך צוליב וואנ-דא'ן. די אונגליקליכע איז פערפאהרען אין א פערמע און איז דארט פלוצלונג גע-שטארבען. איך האב זי דארט געפינען מיט איהר קינד, און האב געוואלט די טוי-טע מיטנעמען. נאר דער פערמער וויל זי מיר נישט ארויסגעבען.

— דער פערמער האט רעכט דערצו — האט קראפארד געזאגט — ווי הייסט ער?

— ווערמאנט.

— ווערמאנט! ער האט דאך זיין פערמע פערקויפט. עס איז אונמעגליך, נאטשאלניק, אז ער זאל זיך יעצט געפינען אין דער פערמע. ווערמאנט איז דא אין קאלומביע און וואוינט אין א היגען האטעל. זיין פערוואלטער קען עס אייך גישט זאגן, ווייל ער האט מעהר נישט צו טון מיט דער פערמע. עס מוז זיין דא נאך א צווייטער.

— דערוויף וועל איך געפינען אנ'ערקלערונג — האט רידער געזאגט און זיך אויסגעצויגען.

— אויב עס געפינט זיך א נאטשאלניק ווילסאן אין דער געגענד וועט ער געפונען ווערען — האט קראפארד געזאגט — סאמול דער שווארצער פאליציאנט, וואס האט אייך געמעלדען פאר מיר, איז איינער פון די טיכטיגסטע שפיאנען, וואס איך האב געטראפען אין מיין לעבען. שילדערט מיר אב, ווי דער נאטשאלניק ווילסאן זעהט יעצט אויס.

רידער האט עס געטון און סאמול, וועלכער איז אריינגערופען געווארען אין צימער, האט אלץ פערצייכענט, וואס רידער האט געזאגט.

— נאטירליך, סאמול וועט אין אוניפארם נישט נאכפארשען, ער וועט ארומ-געהן אלס שווארצער ארבייטער און אזוי וועט איהם די אויספארשונג זיין גרינגער.

— איך וועל איהם געפונען! — האט סאמול אויסגערופען און זיינע אויגען האבען געבלישטשעט. — און קוים האב איך איהם געפינען, דאן איז ער אזוי גוט ווי אין מיינע הענד.

— איהר וועט דורך דעם בצוואוסט ווערען, אויב איהר וועט איהם כאפען, סאמול — האט רידער געזאגט — יענער סקעט, אדער ווילסאן אדער נארדזשיים איז א קלוגער פוקס. ווען געהט איהר צו דער ארבייט?

— אין א שעה ארום, נאטשאלניק. איך וועל געהן זוכען ארבייט אויף א פערמע.

רידער האט געדאנקט דעם פרעזידענט און איז אוועק אין האטעל, וואו מיסטער ווערמאנט איז איינגעשטאנען.

ער איז ארויף אין פרעכטיגען גרויסען האטעל. ווערמאנט האט בעוואוינט איינינע צימערן און עס האט געדויערט א האלבע שעה ביז רידער האט געקענט צוקומען צו איהם. ער האט זיך געמוזט פריהער מעלדען און דאן איז ווערמאנט ארויס צו איהם.

ער איז געוועזען א קאלטער, שטאלצער, אנגעבלאזענער מענש מיט א גע-זיכט, וואס האט בעוויזען, אז דער מענש ליידט קיינמאל נישט אויף דער וועלט חוץ זיך אליין.

ער האט בעטראכט רידער'ן פון קאפ ביז פיס.

(פארטזעצונג קומט)

„הילף"

צענטראַל-אָרגאַן פֿון גמילות חסדים - קאַסעס אין פּוילען
ערשיינט יעדן חודש.

לײַטונג: אויפֿבױ-קאָמיטעט. רעדאַקטאָר: ב. חמל.

קריגן דער מײַ-נומער מיט פֿאָלגנדן אינהאַלט:

1. צוריק צום פֿריתפֿרדיגן... — ב. ח.
2. אויגן דער באַוועגונג פֿון גמילות-חסדים-קאַסעס אין פּוילן. געשפּרעך מיט'ן פֿינאַנץ-דירעקטאָר פֿון דזשאָינט ה.—דוד שחמצער.
3. באַמערקונגען — — — — — — — Wuel.
4. גאַסט פֿון אַמעריקע — — — — י. ח. זאַגאָראָדסקי
5. אַ ווענדונג צום „דזשאָינט" — — — ש. דינער.
6. צו דער ווירטשאַפֿטלעכער לאַגע אין פּוילן — י. בען.
7. קאָמונאַלע אינסטיטוציעס און סאָציאַלע הילף — י. קאַמין.
8. אַ פּאָר ווערטער צו די יודישע ראַטמענער אין פּוילן.—F.

פֿרײַע טריבונע. סובווענצן פֿון מאַגיסטראַטן. נײַע גמילות-חסדים-קאַסעס. פֿון דער פּראַקטיק. אַנדערע ידיעות.

די „הילף" שטייט אויף דער וואַך לטובת די אינטערעסן פֿון אַלע גמילות-חסדים-קאַסעס אין פּוילן.

די „הילף" פֿירט אַ קאַמפּאַניע אין דער ריכטונג צו פֿאַרמערן די עקזיסטענץ פֿון אַלע גמילות-חסדים-קאַסעס און צו באַקומען גרעסערע און מלוכה-סובווענצן און קרעדיטן פֿאַר זיי.

די „הילף" שפּיגלט אָפּ די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון יודן אין פּוילן.

גײַ יעדן יודישן געזעלשאַפֿטלעכן טוער, בײַ יעדן יודישן ראַטמאַן, אין יעדער יודישער אינסטיטוציע דאַרף זיך געפֿינען דער זשורנאַל „הילף".

אַבאָנעמענט-פּרײַז—6 זל. אַ האַלב יאָהר; איינצל-נומער—1 זל.

אַדרעס פֿון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:

Redakcja „HILF", Warszawa, Leszno 42, tel. 416-97
Konto czekowe: P.K.O. 15.42

ווײַכטיג פֿאַר שטריקערס

כ'נעהם אָן צו אַרבעטן אויף לוין אויף צוויי נײַע 8-טער מאַשינען. צו ערפֿאַהרען אין „ל. ט."

אַכטונג וועש-בליַער

פֿי פֿערקויפֿן אַ לעבער-מאַשין פֿון דער פֿירמאַ גוטמאַן אין בעסטן צושטאַנד. פּרײַז צוגענגליך. ס. בלײַוויס קילינסקיעגא 33. 8711

POT I NIEMIŁA WOŃ
Z RAK NÓG I PACH
SUDORYN
W PUDEŁKU Z SITKIEM

אל תתהלל ביום מחר!

כי לא תדע מה ילד יום.

לייג נישט אָפּ אויף מאָרגען

נאָר אַז דו דאַרפֿסט ערלעדיגן סאַנדאַחע
זאַכן זאָלסטו גלײַך קומען צו לויפֿן אין ביוראָ

17 פּיעטריקאָווער 17
52 טעלעפֿאָן 52

וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געהיימגעהאַלטן באַשרייבן לויט'ן אויסטאַוו אַלערליי ביטעם, קלאַוזולעס, זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילן, עקספּלאַציעס, ציווילע און קאַרנע עקספּלאַציעס, פּראָטעסטן, רעקורסן וועגן דירה אין אָרזשאַנד-ראַזיעטשי, וועגן פֿעסטער אין קאָמיסאַריאַט-רזשאָנדו און אַלע פּאָליציי-בעצירקן, אַקטן אינטערציזיעס, אַקטן דאַראַווזיעס, קאַרנע סטראַהטעס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכן. ספּעציאַליסט אין שותפות-אַקטן. מיט אַכטונג

י. מאַנעלאַ רעכט-קאָנסולענט

טליתים-פֿאַבריק

איבערנעמונג פֿון האַלבע, האַלב-האַלבע זײַדענע טליתים כפּו טערקישע, יאַראָסלאַווער און קאַלאַבריער, ווי אויך טליתים-קטנים הורט און דעטאַל, מיט אויסטאַרבונג, אויך גאַרטלען. שטעלנדיג און ציצית צו באַקומען ביליגער ווי איבעראַל בײַ

א. ה. ציטרינאָווסקי

סאַמיענאַ 1, אין 2. שטאָק, פֿאַרטער.

באַמ.: ס'ווערן אויך אָנגענומען אַלע טליתים צו וואַשן.

VIM
DO CZYSZCZENIA
SZOROWANIA I POLEROWANIA
DRZEWA, MARMURU
PRZEDMIOTÓW
MALOWANYCH I SZKŁA
LEVER BROTHERS
PORT SUNLIGHT, ANGLJA

VIM

קיך-געשיר

אַלערליי טעפּ, ראַנדלעך, קעסלען א. ד. ג. אַלעס אין דאַמאַלס בלענדענד-ריין, ווען מען באַנוצט „Vim"

אַרויפֿשיטן אויף אַ פֿײַכטע שמאַטע אַ קליין ביסל „Vim", און נאָך אַ לײַכטן רײַבן פֿון די געגנשטאַנדן ווערן פֿאַרשוואונדן די פֿלעקן און שאַרפּקײַטן.

Lever Brothers Ltd.
Anglja.

V.P.25—00

דרוקזאַכן

אַלערליי

ווערן גוט, און פּראַקטיש אין דער פֿײַנסטער אויספֿיהרונג און די מאָדערנסטע שריפֿט אויסגעפֿערטיגט.

מלעפּסידרעס

(מאָדערס-אנצײַגען)

ווערן אין פֿערלויף פֿון 2 שעה געדרוקט און אויסגעקלעפּט איבער דער גאַנצער שטאָט.

בוכדרוקערײַ

ע. און מ. האַמבורסקי

פּיעטריקאָווער 16. טעל. 47.

ווײַכטיג פֿאַר די, וואָס פֿאָהרען אויף אורלויב - אַפּרות !!

ווילט איהר אײַער אורלויב גוט פֿערברענגען ; ווילט איהר האָבן אנגענעהמע גרינלשאַפֿט ; פֿאָהרט אויף אַפּרוה נאָר אין

פּענסיאָנאַט

„WYGODA"
St. GŁOWNO, Polenice, Wila Pabiańskiego
obok Nowego Otwocka, przy lesie

סטאַציע גלאָוונאַ - פּאָלעניצע

ווילע פּאַביאַנסקי נעבען נאָווע-אָטוואָצק

אַמבאַטהאַלאַ גרויסע זוניגע צימערן. כשר'ע, היגיעניש און געשמאַקע קיך. הערליכע געגנד. מאַנסורענע-פּרײַזען 40% ביליגער ווי איבעראַל !

באַמערקונג : באַמפּקאַונד איז נויטיג מיטצובריינגען.

צו ווענדן זיך דירעקט צו פֿרוי אַפּעל אין פּענסיאָנאַט „וויגאָדאַ"

פֿאַר יונגען [illegible] און [illegible] סעזאָן

אין לאָדז ווערן ערטיילט אויסקינפֿטע: אַמעל, זגיערסקאַ 28, אין הויף 2-טען אַפּגאַנג, לינקס, פּאַרטער פֿון האַלב 5 ביז האַלב 7 אָוונט

בעקאַנטמאַכונג.

די לאָדזשער קראַנקען-קאַסע מאַכט באַקאַנט אַלע פֿערזיכערטע, אַז אין 18-טען סעפּטעמבער 1928 וועלן פֿאָרקומען וואַהלען צום ראַט פֿון דער קראַנקען-קאַסע אין לאָדז. אקטיווע וואַהל-רעכט וועלן האָבן די פֿערזיכערטע, וועלכע וועלן אין טאָג פֿון 19/8 1928 ענדיגען 20 יאָהר, ד. ה. די וואָס זענען געבוירען ביז'ן 19/8 1908 אײַנשליסליך.

צוליב דעם וואָס ס'פּאַסירט זעהר אָפֿט, אַז די אַרבייטסגעבער געבען נישט אויף בײַם אײַנמעלדען זייערע אַרבייטער, דעם טאָג און חודש פֿון זייער געבורטס, קענען די פֿערזיכערטע נישט אײַנגעטראָגן ווערן אין די וואַהל-רשימות אויב זיי וועלן פֿאַר'ן צוזיב פֿון די וואַהלען נישט רעקלאַמירען, שטיצענדיג זיך אויפֿ'ן פּאַס אָדער געבורטס-מעטריקע אין צווידענץ-אָבטיילונג פֿון די פֿערזיכערטע אין דער לאָדזשער קראַנקען-קאַסע (קורזער אַפּיצינע 2. שטאָק צימער 49) אין די אַרבייטס-שעה'ן, ד. ה. פֿון 8 פֿריה ביז 3 נאָכמ.

מיט'ן טאָג פֿון אויסלייגען די וועהלער-רשימה דאַרף מען די רעקלאַמאַציעס אַרײַנטראָגען אין די נעהענטע רעקלאַמאַציע-ביוראָס.

די קראַנקען-קאַסע פֿון לאָדז

(–) פּ. קאָלוזשינסקי
פּרעזעס פֿון דער פֿערוואַלטונג

(–) שוסטער
היצ-דירעקטאָר

מעכאַנישע שלאָסערײַ און שווײַסערײַ

J. Reder, Łódź

Konstantynowska 11/13

אנגעהמט פֿון פֿערשידענע מאַשינען-רעפּאַראַטורען און אויטאָגענישע שווײַסונגען. באַמ.: צום שטריקער-סעזאָן פֿערטיג איך אויס טישען, שטענדערס, מעסט-אַפּאַראַטן, שטײַנער א. ז. וו.

שנעל און ביליג ! שנעל און ביליג

וועגען אַלע

אַמנעסטיע-ענינים

איינפֿאָרמירט און שרײַבט דאָס ביוראָ
„אַרגוס", זאַכאָדניאַ 36.

קלויזולעס און זאַבעזפּיעטשעניעס

אויף אַלע שטעט אין פּוילן באַוואָרגט אַמשנעלסטן דאָס ביוראָ „אַרגוס" זאַכאָדניאַ 36.
3444

גאַנץ לאָדז מוז וויסען!

אין פֿערלויף פֿון 7 טעג קען יעדער האָט: עלעקטרישע בעלויכטונג איז שטוב אויף ראַטעס

אויסצוצאָהלען וועכענטליך פֿון 8 זל. און נאָך אויך אָן פֿאָרשטרעקן צו רעפּערירען, איבערמאַכען לישטעס אויף גראַנילשנים, פּראָטעקציע פֿון דער עלעקטראַזשטע אַלעס ערליך דינט פּינקטליך און רעאַל נאָך די קאָנצעסיאָנירטע פֿירמע וואָס איז פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר דער לאָדזשער עלעקטראַזשטע

פּ. לעהמן, לאָדז קאָנסטאַנטינער 58

פֿראָנט-געוועלבע. טעגליך פֿון 8 פֿריה ביז 11 נאַכט.
באַמ.: שפּרעכשטונדען פֿון 2—3, 8—11 נאַכמ.

עלעקטרישע לאַמפּען און גאַז-שטעקער מיט 25% ביליגער פֿון פֿרײַז-קוראַנט. פֿאַבריקען פֿערקויפֿן אַ מאַשינען דאַמאַט מיט גוטע קאָנצעסיעס.

פּוילישע שפּראַך

לייזר קאָרלעבוס גרינדליך דורך אַ קורצער אויך צײַט קומען זיך, צו ערפֿאַהרען חסכאַדניאַ 29 וו. 3.

„פּראַצאַ"

געז. צו פֿערשפּרייטן פּראַצע. אַרבעטס-צווישען יודישע פֿרויען און מיידלעך
לאָדז, חאָלמשאַנסקאַ 21
טעל. 63-15

מאַכט דערמיט באַקאַנט, אַז ס'ווערען וואָנגעטער אַנגענומען אײַנשרײַבונגען פֿון 1. אויגוסט אויף: 1) דאַמען-שנײַדעריי און קינדער-קאָנפֿעקציע,
2) וועש-נעהעריי,
3) האַנט-אַרבייט,
4) ענדולאַציע און מאַניקיור,
5) אַרבייט-שער האַנט-מאַשינען.

אינפֿאָרמאַציעס ערטיילט דער סעקרעטאַריאַט פֿון 9—1 און פֿון 8—7 אָוונט.

שרײַבען

עהן אוי שנעל

לערנט אויס דער בעריהמטער

קאַליגראַף ל. בערמאַן

אין 15 לעקציעס. אויך ווערט געלערנט גוט אַ יודישן בריף דעם וואָס קען ניט. זאַוואַדזקאַ 19 פֿר. 1 שט.

הויזער-פֿערוואַלטונגען

מיט גלייכצײַטיגער ערלעדיגונג פֿון שטײַער-זאַכן איבערגיבט זיך פּראַקטיצירטער פֿערוואַלטער, בעסטע רעפֿערענצן.

Ch. Regenwetter
Häuserverwaltungen & Bücherrevisionen
Berlin S. 14, Alte Jacobstr. 47.
Telefon: Dönkoff 4337.

לעזט און אַבאָנירט

– דאָס –

לאָדזשער טאָגעבלאַט

אַבאָנעמענטס-פּרײַז: פֿאַר אַ חודש אין פּוילן 5 זל. אין שרעקליך און אויסלאַנד ביזן 20 פֿרױנק, אין אַמעריקע לענדער—1,25 דאָלאַר. אַנאָנסען-פּרײַז: פֿאַר אַ מילימעטער-שורה פֿאַרן טעקסט (6 גראָשן, פּרעטשן 24 גר. אין טעקסט 40 גר. פֿרעטשן 60 גר. נאָכן 12 גר. פֿרעטשן 18 גר. פֿאַר אויסלענדישע אַנאָנסן 100% טײַערער. איבער דער שטאָט—ביז 50% טײַערער. פֿון די פֿרעמדן ווערט נישט אַראָפּגענומען קיין רעכאַט.

Redaktor-wydawca B. Hamburski

Tłocznia: E. i M. Hamburskich w Łodzi. Piotrkowska 16.